EX LIBRIS LMUWIAE
AMORE · MORE · ORE · RE · FIRMANTUR AMICITIAE

S/e. Limuvia
A. Kalm
23. IX. 31

ש. פרוג.

אויסגעוויילטע שריפטן.

KORPORATSIOON LIMUVIA TARTU. 229a

פארלאג „ביליקע ביכער" ריגע.
1928.

שער־בלאַט און פאַרלאַגס־מאַרקע געצייכנט
פון קינסטלער א· קראַמאַרעוו·

TARTU ÜLIKOOLI
RAAMATUKOGU

דרוקעריי „וואַרדס"
ריגע, שווים־גאַס 24. טעל. 23409



ש. ש. פרוג.

אנשטאט א הקדמה׳

שמעון שמואל פרוגס דיכטערישער טאלאנט האט זיך אנטפלעקט׳ האט אופגעבליצט פונקט אין דער צייט׳ ווען צווישן די רוסישע אידן האט דערוואכט, אופגעלעבט דאס נאציאנאלע געפיל׳ דאס איז געווען א בליץ פאר דעם גרויסן דונער— די ערשטע פאגראמען אין דרום־רוסלאנד. אין דער צייט פון יאוש, פעסימיזם׳ אלגעמיינער אנטוישונג׳ ווען דער פאגראם־דונער האט צעקלאפט און צעמישט פיל רואיקע אידישע קעפ, האט זיך באוויזן דער לאנג־דערווארטער אידישער פאעט — ש. ש׳ פרוג. און זיך באוויזן ניט אבי ווי, נאר פריש׳ מונטער׳ שטארק, עכט. ש׳ ש׳ פרוג איז געווארן דער פרישער און קלארער קוואל פאר דער דורשטיקער׳ צעווייטיקטער און מיד־געווארענער אידישער נשמה, דער יעניקער קוואל׳ פון וועלכן שטראמען פון מוט, האפנונג און אמונה אין בעסערע צייטן, זיינען געפלאסן אין די הערצער פון זיינע פארצווייפלטע׳ אומגליקלעכע און שוואכע ברידער׳ די מאסע האט א־ם אף אמאל ליב באקומען. זיינע שירים זיינען פאלקס־לידער געווארן; מאמעס האבן עס בא דער קינדס־וויגעלע אנגעהויבן זינגען און דערציילן זייערע קינדער וועגן דעם גליקלעכן עבר, טרויעריקן הוה און ליכטיקן עתיד···

און אט אזוי איז ש׳ ש׳ פרוג געווארן איינער פון אונזערע גרעסטע און בעסטע פאלקס-דיכטער.

ש׳ ש׳ פרוג — און נישט קיין אנדערער!··

* * *

ש׳ ש. פרוג איז דער ראמאנטיקער פון עבר׳ מיט זיין טיפן פאעטישן געפיל האט ער באקלאגט און באזונגען זיין פאלק און זיין פארגאנגנהייט׳ מיט זיין פאעטישן כישוף־פענזל – געמאלן מיט די העלסטע און שטארקסטע פארבן בילדער און געשטאלטן פון אונזערע אלטע צייטן׳ לעבעדיק געמאכט פארמעט־געלע און אויסגעטריקנטע לעגענדן און מעשיות פון אמאליקע דורות...

אבער נישט נאר דער טרוימער און שילדערער פון עבר איז געווען ש׳ ש׳ פרוג׳ נישט מיט זיסע׳ איינשלעפערנדע חלומות און פוסטע׳ נעפלדיקע פאנטאזיעס איז ש. ש׳ פרוג געווען אויסן צו שטילן דעם המון׳ ש׳ ש׳ פרוג איז אויך געווען דער יעניקער׳ וועלכער האט׳ ווי שוין געזאגט, אריינגעהויכט לעבן, מוט׳ האפנונג און אמונה אין די צעבראכענע הערצער פון זיינע אומגליקלעכע ברידער. ער איז געווען דער יעניקער, וועלכער האט מיט א פאקל אין דער האנט באלויכטן די טיפע

פאלקס־פינסטערניש, געוועקט און מיט שאלנדע קולות געגרופן די מאסע צום קאמף פאר בעסערע צייטן, פאר א ליכטיקערן עתיד. ער איז ווי א נביא געקומען צו אונז, אונז געטרייסט, געשטארקט, געזייט דעם ליכטיקן שטראל דארט, וואו קיינער האט אים נאך ניט געמערקט.

און זיין צארן, זיין שמארץ איז ניט געוועזן קיין געמאכטער, קיין געקינצל־טער. עס איז געוועזן דער אייביקער שמארץ פון א געפייניקט, געדריקט און צע־טראטן פאלק. זיין האפנונג, זיין גלויבן אין בעסערע צייטן איז דעריבער געוועזן אן עכטע, האט ארויסגעשטראמט פון די טיפסטע טיפעניש פון דער צעווייטיקטער נשמה זיינער. אט דאס איז בקיצור די כאראקטעריסטיק פון ש. ש. פרוג — דעם נאציאנאלן פאעט און פאלקס־דיכטער.

* * *

אין דער דאזיקער זאמלונג פון ש. פרוגס ווערק, וועט דער לייענער נישט געפינען קיין פולע אויסגאבע פון זיינע ווערק. די פילע אויסגאבן פון די קלאסיקער, וועלכע אנטהאלטן געוויינלעך א פילזייטיקן, אפשר פאר זיך ווערטפולן, אבער פאר דעם ברייטן עולם ניט אינטערעסאנטן מאטעריאל, זיינען טייער און שוין צוליב דעם אליין ניט צוגייגלעך פאר דעם ברייטן עולם.

זייענדיק איבערצייגט, אז די אידישע קלאסיקער זיינען די, וועמען מען דארף ס'רוב פארשפרייטן צווישן דעם ברייטן אידישן עולם, האט דער פארלאג „ביליקע ביכער" באשלאסן ארייננצונעמען אין דער דאזיקער אויסגאבע די יעניקע ווערק, וועלכע בילדן, אזוי צו זאגן, די קווינט־עסענץ, דעם תמצית פון דער אינטע־רעסאנטער און פילפארביקער פערזענלעכקייט פון דער אידישער פאעזיע — ש. פרוג. אין דעם דאזיקן באנד פון פארלאג „ביליקע ביכער" ווערן דעריבער די לעזער געפי־נען בלויז די אויסגעצייכנטע, אויסגעקליבענע, כאראקטעריסטישע, ווי אויך צוגייינג־לעכסטע ווערק פון אונזער קלאסיקער ש. פרוג, מיט דער כונה, אז דער ברייטער אידישער עולם זאל אט די ווערק זיך קענען איינכאפן און דורך זיי לייענען, פאר־שטיין און ליב באקומען די אידישע ליטעראטור.

בן — אבא.

TARTO.

ביאגראפיע פון ש. ש. פרוג.

שמעון שמואל פרוג איז געבארן געווארן אין יאר 1860 (תרכ"א) אין באבראוויקוט,—א אידישער ערד־ארבעטער־קאלאניע אין כערסאנער גובערניע. זיין פאטער, משה־צבי, איז געווען א פראסטער, ערלעכער, ארימער קאלאניסט.

דער פרישער ערד־גערוך, דער געזונטער פעלד־ריח, די שיינע נאטור האט אף דעם יונגן פרוג געמאכט א שטארקן איינדרוק. פרוג איז געווען איינער פון די ווייניקע אידישע קינדער, קומעדיקע שרייבער, וואס האבן פון קינדווייז אויף איינגעזאפט אין זיך די שיינקייט פון דער נאטור און געפילט און געקענט די נאטור ניט פון באשרייבונגען פון ביכער, נאר פון אייגענעם נאענטן באריר מיט איר אין משך פון זיין גאנצער קינדהייט און יוגנט. פרוג איז אויך שפעטער געבליבן, אין א געוויסער מדרגה, א פרייער קינד פון דער פעלד־ און וואלד־נאטור, כאטש דאס שווערע לעבן פון א אידישן דיכטער האט אן א צייט צעקנייטשט און צערונצלט זיין דיכטער־שטערן, געבויגן זיינע שולטערן און געבראכן זיין גאנצן גוף...

דער קליינער פרוג האט, ווי אלע אידישע קינדער אין דער קאלאניע, געלערנט אין חדר, וועלכן ער האט שפעטער אזוי מייסטערהאפט באשריבן אין פארשיידענע פון זיינע שירים.

אין דעם יאר 1869 איז פרוג אלס 9-יאריקער אינגל אנגעקומען אין דער דארף־שולע, וואו ער האט פארבראכט 3 יאר און זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן רוסיש, ווי אויך אביסל רעכענען. צו 12 יאר האט פרוג פארענדיקט די דארף־שולע און גלייכצייטיק אויך זיין אפיציעלע בילדונג. אבער פרוגס דורשט נאך בילדונג האט זיך ערשט דאן אנגעהויבן. ער האט פארגעזעצט צו לייענען, צו לערנען זיך אליין, אן דער הילף פון לערער, אזוי ווי הונדערטער און טויזנטער אנדערע אידישע קינדער פון יענער צייט.

די קאלאניע איז אבער געווען צו איינג פאר פרוגן. אים האט געצויגן אין דער ברייטער וועלט אריין און ווען ער איז אלט געווארן 16 יאר האט ער זיך א „לאז־געטאן" קיין כערסאן, וואו דער קאזיאני רב האט אים צוגענומען אין זיין „קאנצעליאריע" אלס „שרייבער" צו פירן די מעטריקע־ביכער. אין דער דאזיקער „קאנצעליאריע" האט זיך פרוג באקענט מיט פארשיידענע אידישע טיפן און מיט דעם אידישן לעבן בכלל. דאס אלץ איז אים שפעטער צונוץ געקומען אלס מאטע־

ריאַל פאַר אַ גאַנצע ריי הומאָריסטישע און סאַטירישע לידער, אין וועלכע ער שילדערט דאָס אידישע לעבן.

די וועלט־ליטעראַטור און קונסט־געשיכטע ווייס אסך צו דערציילן, ווי אָפט דער שעפער־קינסטלער לערנט זיך בײַ דעם איינפאַכן בעל־מלאכה. דעם דאַזיקן נסיון איז בייגעשטאַנען אויך פרוג. אין כערסאָן האָט זיך פרוג באַקענט מיט אַ קריסט־לעכן באַאַמטן, וועלכער איז געווען דער קאָרעקטאָר פון „גובערנסקיא וועדאָמאָסטי" און קאָרעספּאָדענט פון די אָדעסער רוסישע צייטונגען. און דער דאָזיקער זייער ווייניק געבילדעטער טינטלער האָט געוועקט אין פרוגן זיין דיכטער טאַלאַנט, אים געלערנט ווי מען „מאַכט" לידער. פרוג האָט אָנגעהויבן שרייבן לידער אין רוסיש. דאָס ערשטע ליד זיינס איז דערשינען אין וואָכענטלעכן אידיש־רוסישן זשורנאַל „ראַזסוועט" אין 1880 יאָר. דאָס ליד האָט געמאַכט אַזאַ שטאַרקן איינדרוק, אַז דער יונגער דיכטער איז באַלד געשטאַנען אין צענטער פון דער אויפמערקזאַמקייט פון דער אידיש-רוסישער אינטעליגענץ. שוין אין יאָר 1881 ווערט פרוג איינגעלאַדן קיין פעטערבורג, וואו די דאָרטיקע אינטעליגענץ האָט אויסגעווירקט בײַ דער רעגירונג „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ" פאַרן יונגן פּאָעט. אין פעטערבורג הייבט פרוג אָן מיטצו־אַרבעטן אין אַ ריי אידיש־רוסישע און רוסישע אויסגאַבן און ווערט גיך באַרימט.

אין יאָר 1881 קומען פאָר די ערשטע אידישע פּאָגראָמען אין דרום-רוסלאַנד און באַלד נאָכדעם פאַרשפרייט זיך צווישן די אידן אין רוסלאַנד אַ ברייטע כוואַליע פון נאַציאָנאַלער דערוואַכונג. די אַלטע שטרעבונג צו אַסימילירן זיך, צוצופּאַסן זיך צו דער אַרומיקער קולטור און צו פאַרלאָזן די אייגענע, האָט געמוזט אָפּטרעטן דעם אָרט פאַר נאַציאָנאַלע שטימונגען. די דאָזיקע אַנטוויקלונג מאַכט דורך אויך פרוג. זיינע רוסישע לידער פון יענער צייט זיינען דורכגעדרונגען מיט אַן אינטענסיוון נאַציאָנאַלן געפיל.

אַלס אידישער דיכטער הייבט אָבער פרוג אָן צו האָבן אַ באַדייטונג ערשט דאַן, ווען ער הייבט אָן — און מיט אַ גרויס דערפאָלג — צו שרייבן אין אידיש. ער נעמט אָן אָנטייל אין אַזעלכע אויסגאַבן, ווי דאָס „אידישע פאָלקס־בלאַט", „הויז־פריינט", „אידישע פאָלקס ביבליאָטעק", „יוד" און שפּעטער אויך אין דער ערשטער מאָדערנער אידישער צייטונג „דער פריינד", וואו ער שרייבט לידער און פעליעטאָ־נען, אָפּרופנדיק זיך אויף פאַרשיידענע דערשיינונגען אינעם אידישן לעבן.

פרוג איז זיין גאַנצן ווייטערדיקן לעבן כמעט כסדר אָפּגעזעסן אין פעטער־בורג, הגם ער האָט ניט איינמאָל געליטן אַ היפּש ביסל צרות צוליב דער „פּראַוואָ־זשיטעלסטוואָ". די לעצטע יאָרן איז דער טעמפּ פון פרוגס שאַפן געוואָרן שוואַ־כער. צוליב פרנסה איז פרוג געוואָרן אַ צייטונגס-אַרבעטער און פרוג — דער דיכטער האָט דורכדעם ווי פאַרלאָרן אַ שטיק פון זיין קראַפט און גלאַנץ.

ער איז געשטאָרבן אין פעטערבורג אין 1916 יאָר, אויפן 56־סטן יאָר פון זיין לעבן.

לעגענדעס.

דעם שמש׳ס טאכטער.

(א פאלקס־לעגענדע)

1.

שטיל און פינסטער איז געווען
אין דעם אלטן איינגן שטיבל,
וואו געלעגן און געשלאפן
איז דער אלטער גרויער שמש.

שטיל און רואיק שלאפט דער שמש,
און אין שלאף דערהערט ער עפּעס
שווערע טריט ווי פון א קרומען,
וועלכער גייט ארום אף קוליעס.

און דערשראקן און פארוואונדערט
כאפט זיך אוף פון שלאף דער שמש,
ער צינדט אן דאס אלטע לעמפל —
און וואס זעט ער? — גאט, דו ליבער!

ער דערזעט: פון וואנט צו וואנט
גייט ארום אליין זיין שטעקן...
אוי, דאס איז א שלעכטער סמן —
אז א גוסס איז אין שטעטל...

אין דעם אויגנבליק דערהערט ער
שרייט זיין טאכטער: „גיכער, טאטע,
זעק דעם עולם! אונזער רבי,
אונזער רבי איז פארביי!"

2.

נאך בא נאכט פון שטוב צו שטוב
גייט און קלאפט דער אלטער שמש...
אבער וואס איז דאס מיט דבורה׳ן,
מיט דעם אלטן שמש׳ס טאכטער?

דבורה זיצט באם טיש, און הייסע
טרערן קאפן פון די אויגן;
ביטער וויינט זי, וויינט און שעפטשעט:
„אך, דער רבי איז פארביי!..

הייל אים, העלף אים, גאט דו ליבער!״...
הייס און ערנסט ווי א טאכטער
האט פון קינדהייט ליב דעם אלטן,
קראנקן רבי די יונגע דבורה;

ווייל דער אלטער מורה־צדק
האט דאס קינד אויך ליב געהאט
ווי אן אייגענע: פלעגט רופן
אלע שבת זי אין איינעם

מיטן שמש ברכה מאכן,
האט זי אויסגעלערנט דאווענען,
אויך געלערנט שרייבן, לעזן;
ליבלעך זאגנדיק דערביי:

„לערן, דבורקע, לערן, טאכטער,
און דו ווערסט איה״ש
ווערן גרויס און קלוג בא אידן,
גלייך מיט דבורה די נביאה״...

און זי זיצט באם טיש, און הייסע
טרערן טריפן פון די אויגן;
ביטער חיינט זי, וויינט און שעפטשעט:
„הייל אים, העלף אים, ליבער גאט!״...

3.

אין בית־מדרש שטייט דער עולם,
גרוים און קליין געקומען אלע
תהלים זאגן; וויינען, בעטן
צו דעם בורא... נאר ער העלפט נישט.

שוין פון וואקס א ליכט א גרויסע,
אקוראט די מאָס פון קראנקן,
אויסגעגאסן אין תכריכים
אנגעטאן און, ווי דער מנהג

איז בא אידן פון פארצייטן,
זי באגראבן אין א קבר
ווי א בר־מנן... עס העלפט ניט,
אלץ געפרואווט און אלץ אומזיסט...

אמת, איינס נאר איז געבליבן,
איינס נאר: יעדער פון דעם עולם
זאל אוועקשיינקען א חלק
פון זיין לעבן פאר דעם חולה —

מענער, ווייבער, קינדער, זקנים,
ווער א טאָג און ווער א חודש —
דאס פארשרייבט מען אף א צעטל
און פארשליסט אין ארון־קודש...

4.

אז צום אלטן שמש'ס שטיבל
איז מען מיט דעם כתב געקומען,
האט זיין טאכטער די גבאים
אפגעשטעלט, און שטיל און רואיק

זי געזאגט: „פארשרייבט, איך בעט אייך".
וויפיל, דבורה, שיינקסטו? — וויפיל?

— „אך, מיין גאנצעס, גאנצעס לעבן!..
יא, פארשרייבט — איך שײנק אװעק

אים מיין גאנצעס לעבן!" — דבורה,
האבן זיי זי אנגעהויבן
אפצורייידן; נאריש קינד,
„ווי געשיקט זיך?"... אבער אלע

טענות האבן ניט געהאלפן,
ניט געהאלפן האבן דא
אויך דעם אלטן טאטנס בעטן,
זיינע רייד און זיינע טרערן.

און פארשריבן האבן זיי
מיט איר חתימה אין דעם צעטל,
ווי זי האט פון זיי געפאָדערט:
„דבורה שיינקט איר גאנצעס לעבן".

און בשעת דער שליח
האט דעם כתב אין שול געבראַכט
און פארשלאָסן אים אין ארון,
אין דעם זעלבן אויגנבליק

איז דער חולה אופגעשטאַנען
ווידער פריש, געזונט און יונג;
און די אומגליקלעכע דבורה
— דאס אומשולדיק ריינעס קינד —

איז דעם זעלבן טאג געקומען
אין איר רו... דער אלטער טאטע
האט זי ערנסט, הויס באוויינט
און געזאגט דעם ערשטן קדיש.

אף איר הערלעכע לויה
איז געוועזן דער גאנצער עולם

און געווינשט פון פולן הארצן
איר א ליכטיקן גן־עדן...

5.

שטיל און רואיק גייט די צייט
אין דעם קליינעם, שטילן שטעטל;
מענטשן לעבן, האבן קינדער,
קינדער — ווערן יונגע לייט,

וואקסן, ווערן אלט און שטארבן.
אף דעם אלטן בית־הקברות
זיינען דא פיל נייע קברים...
וואס־זשע מאכט דער אלטער רב?

דאנקען גאט, ער לעבט אין פרידן
לערנט תורה, פסקנט שאלות,
און געדיינקט דאס ליבע קינד:
ער געדיינקט די טויטע דבורה,

ער פארגעסט ניט יעדן יאר־צייט
קויפן ליכט און זאגן קדיש,
און אזוי גייט שטיל און רואיק
טאג נאך טאג און יאר נאך יאר.

.6

טאג נאך טאג און יאר נאך יאר
גייען פאר, ער ווערט ניט עלטער,
אבער טרויעריק ניט זעלטן
זעט ער אוים; דערציילט ניט קיינעם

וואס ער פילט און וואס ער טראכט.
און עס ווייסט פון דעם נישט קיינער,
אז באנאכט בשעת ער
זיצט און לערנט, ווי געוויינלעך,

הערט זיך אים א פרויען־שטימע,
זיסע לידער, ליבע לידער
קלינגען, פליסן פון דערווייטן,
און פאר זיינע אלטע אויגן

שטייט א בילד... אך, ער דערקענט,
ער דערקענט דאס זיסע פנים
פון זיין תלמידקע — פון דבורה׳ן,
און ער בעט זי: „זיי מיר מוחל!

זיי מיר מוחל, ליבע טאכטער,
וואס דורך מיר ביסטו געגאנגען
פון דער וועלט... ווען דו וואלסט לעבן
וואלסטו איצט געווען א כלה״...

7.

טאג נאך טאג און יאר נאך יאר
גייען פאר, און איינמאל הערט ער
א געשריי פון א יולדת...
און ער וויינט, באגיסט מיט טרערן

די גמרא... „— זיי מיר מוחל! —
בעט דער זקן — ליבע דבורה,
אז דו וואלסט געבליבן לעבן,
וואלסטו איצט געווען א מוטער״...

און אזוי איך יעדע נאכט
הערט זיך אים איר יונגע שטימע —
זיסע, ליבע וויגע־לידער
זינגט באנאכט די טויטע מוטער...

8.

דרייצן יאר גייט פאר... ער הערט
ווי איר זון, שוין א בר־מצוה,

זאגט א גרויסע, שיינע דרשה...
„— ער וואלט זיין א גרויסער למדן,

— טראכט דער רב — און וויפיל פרייד
וואלט געהאט פון אים די מאַמע!"
ווייטער הערט ער — כלי־זמר שפילן:
פידלען, טאצן און קלארנעטן

קלינגען, זינגען, פון דערווייטן...
„זי מאכט חתונה א טאָכטער —
טראכט דער אלטער — צו דער חופּה
פירט זי איצט די טויטע מאַמע"...

9.

און פון דעמאָלט אָן טאג־טעגלעך
הער־ט און פילט און זעט דער זקן
יעדן צושטאנד פון איר לעבן,
און ער וויינט מיט הייסע טרערן

און ער בעט דעם בורא־עולם:
„— גיב מיר, גאט, איך זאל דערהערן
איר געוויין, איר ביטער זיפצן,
אירע טרערן זאל איך זען —

כאָטש די איינציקע נחמה
זאל איך האבן, אז אין לעבן
וואלט זי אויך געליטן צרות,
וואלט זי אומגליק אויך געפילט

און עס וואלט בא איר געוועזן
כאָטש איין־איינציקע מינוט,
ווען זי וואלט די וועלט פארשאלטן
און געוואונשן זיך דעם טויט!"...

10.

נאָר אומזיסט איז זיין בקשה:
זיסע לידער, ליבע לידער,
הערט ער זינגען אין דער פינסטער,
גליקלעך וואלט געווען איר לעבן —

יענעם שטילעם פרויען־לעבן,
וועלכעס גלענצט ניט ווי די זון,
נאר עס שיינט אין ווינט און וואלקן
ווי דער העלער מארגן־שטערן...

און עס גיסן זיך און גיסן
זיינע טרערן טעג און יאָרן.
„— ליבער גאָט! — איז ער מתפלל —
טו מיט מיר דיין גרוים גענאָד,

אך, באַפריי, באפריי מיין אלטע,
מיין פאַריאָמערטע נשמה;
שטאַרבן, שטארבן העלף מיר גיכער,
ליבער פאָטער, גרויסער גאט!"...

11.

טאג נאך טאג און יאר נאך יאר
גייען פאר. דאס קליינע שטעטל
איז שוין לאנג א שטאָט געוואָרן,
א באקאנטע, רייכע שטאט.

הונדערט מענטשן, צענדליק זקנים,
וועלכע ער געדיינקט אלס קינדער,
ליגן שוין אף דעם בית־עלמין;
ער נאר איינער לעבט און לעבט.

נייע צייטן, נייע מענטשן,
נייער לעבן און מנהגים;

פרעמד און איבריק, ווילד און עלנד
איז דער זקן צווישן זיי.

טונקל זיינען זיינע אויגן,
אויסגעדאַרט דער גאַנצער קערפּער,
און ער קלאָגט צום בורא-עולם,
וויינט און בעט אַף זיך דעם טויט...

12.

איין געדאַנק און איין געפיל
איז דעם זקן נאָר געבליבן:
שטאַרבן! שטאַרבן!.. און צולעצט
האָט זיך גאָט אַף אים דערבאַרימט.

פינסטער איז געווען די נאַכט,
שרעקלעך האָט נערווישט דער שטורם;
ווי אַ קינד געקלאָגט געיאָמערט
האָט די קאַלטע, שוואַרצע נאַכט.

אָפּגעוואָוינט שוין לאַנג פון אַלע
לעבנס-פרייד, לעבנס-שמערצן —
זיצט דער זקן אין בית-מדרש...
— מיט אַמאָל דערהערט זיך אים —

אַ געוויין, אַ קלאָג פון קינדער...
פּושקעס קלאַפּן, אין די גאַסן
און מען זינגט „אל מלא רחמים”..
— „דאָס וואָלט זי געשטאַרבן איצט!”

האָט מיט פרייד געזאָגט דער זקן —
— אוים, אַ סוף צו מיינע שמערצן!..
נעם מיך מיט, מיין ליבע דבורה,
אַף די ריינע וואָרע וועלט”...

* *
*

שטיל און רואיק האט באפרייט זיך
פון דעם קערפּער זיין נשמה...
און אף מאָרגן האט דער עולם
הויס און ערנסט אים באוויינט.

דער גאלדענער שליסל.

(תלמודישע לעגענדע)

I.

האסטיק, שרעקלעך רוישט דער שטורם,
בויגט און ברעכט די אלטע בוימער...
וויפיל צווייגן שוין צעבראכן!
וויפיל בלעטער אָפּגעריסן...

אין דעם רוישן, אין דעם ברומען
זיפצן, וויינען טויזנט קולות...
אך, מיין פאָלק, מיין פאלק, ווי שרעקלעך
איינג און פינסטער איז דיין וועג!

האסטיק, שרעקלעך רוישט דער שטורם,
און וואס ווייטער — העכער, שטארקער
הערט זיך מיר א קלאַנג פון קייטן...
וואס באַטייט דער ווילדער קלאנג?

טויזנט קולות הער איך וויינען
אין דעם רוישן, אין דעם ברומען
און אַן אלטעס, זיסעס לידל
זינגט דער שטורמדיקער ווינט:

II.

„—אין די אלטע, אלטע צייטן
איז געוועזן אַן אלטער קעניג;

גרויסע אוצרות, פיל עשירות
האט געהאט דער אלטער קעניג.

„גאנצע בערג פון גאלד און זילבער,
הויפן דימאַנטן און פערל
זיינען שוין פון לאנג געלעגן
אין זיין גרויסן, שטארקן פּאלאַץ.

„מיט א שטארקן שלאָס פארשלאסן
איז געווען די טיר פון פאלאַץ,
מיט א שליסעלע א קליינעם
פלעגט זיך עפענען דער שלאָס.

„פון דעם בעסטן, ריינסטן גאָלד
איז געווען געמאכט דאס קליינע
שליסעלע, און זייער לייכט
איז געווען עס צו פארלירן;

„און כדי צו זיכער זיין
פאר די אוצרות — האט דער קעניג
צוגעפאסט דעם קליינעם שליסל
צו א גרויסער, שווערער קייט...“

אך, טא זאל־זשע רוישן, ברומען
ארום דיר דער ווינט, דער שטורם, —
לעב, מיין פאָלק! דו ביסט דער שליסל
צו דער אלטער קעניגס־טיר:

צו דער טיר, פון יענע גרויסע,
גרויסע אוצרות, וועלכע זיינען
בעסער, טייערער פון זילבער,
— פון בריליאנטן און פון פערל —

צו דער טיר, פון יענע גרויסע
ליבע אוצרות, וועלכע הייסן:

„תורה, צדקה און אמונה...״
נאר כדי דו זאלסט, מיין פאלק,

אויביק ניט פארלארן ווערן
אף דער וועלט — האט דיך דער בורא
צוגעבונדן, צוגעקאוועט
צו א גרויסע, שווערע קייט...

צו א שווערע קייט פון צרות
האט דיך צוגעפאסט דער בורא:
„— גיי, מיין פאלק״ — האט ער געזאגט,
„לאז דער שטורם רוישן, ברומען,

דו מוזט לעבן, דו מוזט לעבן!...״
נו, טא גיי־זשע, גיי, ישראליק,
בויג דעם אלטן, קרומען רוקן,
שלעפ די גרויסע, שווערע קייט!..

דער כוס. *)

„זאג מיר, מאמעשע, איך בעט דיך,
איז דאס אמת, וואס עס האט
מיר דערציילט דער אלטער זיידע,
אז אין הימל דארט פאר גאט
שטייט, כביכול, שטייט א בעכער,
און ווען מיר מוטשן זיך דא שווער,
האט דער גרויסער גאט רחמנות,
לאזט אין כוס אריין א טרער?״ —
— „אמת, קינד מיינס!״ — „זאג נאך, מאמע,
איז דאס אויבעט אמת זיכער,

*) דער דאזיקער שיר, באקאנט אונטערן נאמען „די לעגענדע וועגן כוס״ אדער „בעכער לעגענדע״ איז אנגעשריבן געווארן פון ש. פרוג אין רוסיש. צוליב איר שטארקער פאפולערקייט, ברייננגען מיר די לעגענדע אין אידיש, אין דער איבערזעצונג פון י. ל. פרץ.

אז קומען דעמאָלט וועט משיח,
ווען פאַרפילט וועט זיין דער בעכער?" —
„אמת!" — און דאָס קינד פאַרקלערט זיך,
וואַרט אַ רגע טרויעריק שטיל;
פרעגט דערנאָכדעם: „ווען־זשע, מאַמע,
וועט דער בעכער זיין שוין פול?" —
און ער הייבט די בלויע אויגן
טרויעריק צו דער מוטער אויף;
„צי איז אָן אַ דנאָ דער בעכער,
וואָס מיר ליידן אָן אַ סוף?
וואָס מיר ליידן אויס אין גלות,
און דער כוס וויל פול נישט ווערן?
אפשר טריקענען דורך די יאָרן
אינם בעכער אויס די טרערן?" —
און צערודערט בלייבט די מוטער
אפן פרומען קינד געבויגן;
און עס ציטערן די ברעמען
איבער טרויעריק — פייכטע אויגן;
און עס פאַלן צוויי בריליאַנטן
אפן קינדס פאַרקלערטן שטערן.

. . . .

גאָט אין הימל, האָב רחמנות,
נעם אין כוס אַריין די טרערן!

הומאריסטישע לידער.

משיח׳ס צייטן.

ער גייט.

אין בן דוד בא אלא בדור
שכלו זכאי או שכלו חיב.
(א גמרא)

„— מזל טוב אייך, ליבע ברידער!
הוליעט אידן, אן א שיעור!
אלע אדערן און גלידער
זינגען, פרייען זיך אין מיר...

וואס מיר עשו, ווער מיר המן,
וואו מיר אנגסטן, שרעק און לייד;
לויבט און דאנקט זיין ליבן נאמען,
זינגט און טאנצט — משיח גייט!
יא, דער אמת׳ער, דער אלטער
גואל צדק, אין דער האנט
נישט קיין פאן — א שופר האלט ער,
בלאזט און רופט אין הייליק לאנד:
„— מלא חדוה, מלא דיצה,
קומט, רב איצע, קומט, רב פיצע,
גרייט זיך צו אין איין מעת־לעת
מיט דעם גאנצן פארגעניגן:
מיט די וויגן, מיט די ציגן,
מיטן פסחדיקן געפעס;
אלע פיינע, אלע וואוילע,
פרומע קינדער אף דער וועלט!...
הילביק גייט די תקיעה־גדולה,
פריילעך שפרינגען וואלד און פעלד...
און אן עק דער סדרה בלק!”...

———

מיט די ווערטער, ווי א ווינט —
האסטיק, פליענדיק, געשווינד,
לויפט אריין צו מיר ישראל׳יק,
מיינס א שטיקל שוועסטער=קינד;
טוט א וואַרף א ג־ויסן, דיקן
פּאַק גאזעטן אפן טיש:
„— נאַ! ס׳איז ממש זיך צו קוויקן —
ווארים. צאפלדיק און פריש;
יעדער נומער, יעדער בויגן,
יעדע שורה אין דעם פּאַק,
וועט דיר עפענען די אויגן,
לייען, ברודער... הא? — געשמאַק?...

———

טעלעגראמעס פליען — שרעק׳עך! —
מארטיניקא בראַט און ברענט:
מענטשן, חיות, בוימער, ווינט
רייסט און ברעכט דער שטורם אף ברעקלעך;
און קרבנות שעכט דער טויט
צענדליק, פויזנטוויין טאג=טעגלעך...
ווי=זשע מיינסטו — איז עס מעגלעך —
פלוצים, פון דער העלער הויט?
גיי שוין, גיי, דערצייל מיר שמאכטעס;
נעם א דאך, א סטייג, א וואלד,
צינד זי אונטער — זידט עס, קאכט עס,
ברענט און פלאקערט — א געוואַלד!
אויך דאס זעלבע, אז מיר לעזן
„מארטיניקא איז פארברענט",
מעגסטו זיכער זיין — געוועזן
זיינען דארט יאנקעלס הענט:
מיט א שטאטשיק. א הבדלה
(צוגעדעקט זיי מיט דער פּאָלע)

קריכט ער צו באַנאַכט צום באַרג —
און עס ברענט!.. דו מיינסט — ס'איז קאַרג?..
ס'לייגט זיך דיר ניט אפן שכל?
קוקסט אין מויל מיר מיט א שמייכל.
הער: אן סליעדסטוועס! — א גאַזעט
ווייסט מסתמא וואס זי רעדט...
פון פאַריז ביז ניקאָלאַיעוו
און פון קאָוונא ביז אָלזשיר —
כלו חיב, כלו חיב,
כלו חיב — זיינען מיר!..

———

פון א גליק פון גאר א נייעם
הערט מען ריידן — גיי און שריי
צו דעם בורא חי וקים;
רציחות ווידער אין קימאי,
א בהלה, א גערודער...
ווער? — דער „גרויסער קולאַק!" נעם
אבער טיפער, ליבער ברודער!
נעם מיט קאָפּ דעם טעם פון דעם
יא, דער „קולאַק", אמת טאַקע,
נאר דער עיקר פאַרט איז ער,
יאנקעל (זאל זיין אים א מכה!).
ווייל, פאַרשטייסטו, הארץ מיינס, ווער
שפילט די חתונה די שיינע?
ווער פאַרקאַכט דאָרט דעם יריד?
טשין-טשין-טשכי? א ניים, — מאחינו!
און טשאַן-טשפו איז אויך א איד!"...
— א גע...מאַכטער?

— „אדרבא.
ערנסט, פרום, פון שענסטן גראד,
א מיוחס און א גבאי
צוואנציק יאָר שוין אין חב"ד.

נעם דארט אלע קאָמאנדירן,
גענעראלן! און בסוד
האלטן און עקספּלאאטירן
ווער די טאקסע, ווער די פּאָד...
קוקסט אין מויל מיר מיט א שמייכל?
ס'לייגט זיך דיר ניט אפן שכל?
נאר דו איינער! א גאַזעט
ווייסט מסתמא וואס זי רעדט...
און פון פּעקין ביז פּאמשאיעו,
פון טיאַן-צזין ביז סאנדאמיר —
כלו חיב, כלו חיב,
כלו חיב — זיינען מיר?...

———

ערגעץ דארט, אין חוץ לארץ;
כ'ווייס — זאל זין אין בוקארעשט,
אין גאלאץ, 'ין 'אס, פלאָעשט —
האט אן אומגליק מיט א פּריץ
זיך געטראפן: טיף פארטראכט
וועגן האבער, גע'שטן, קארן —
איז ער רואיק זיך געפאָ'ן
אין א ברִיטשקעלע באנאכט.
אפן וועג, דארט, וואו אין בלאטע
שווימען גענז א גאנצע ראטע
און די זשאבעס זינגען כאָר,
שטייט א בריקל. שוין א יאר
זעכציק, זיבּציק אן ערך
קרום און פויל און אלט ווי תרח,
אן רעמאנט — און שטייט זיך פארט;
טרעשטשעט, טרייסלט זיך, נאר גאר ניט
אז אין ברירה, ווילסט ניט — פאר ניט.
און דער עולם גייט און פאָ'ט
אים אריבער זייער גערן;

היינט וואס האט מען דא צו קלערן?
אונזער פריץ טוט א שמיץ
פארט ארוף און... ווי א בליץ,
ווי א פייל פון בויגן פליט ער
פונ׳ם בריקל קאפּ אין דר׳ערד
מיט דער בריטשקע, מיטן פערד
גלייך אין בלאָטע — נאס און שיטער,
קאלט און קלעפּיק... נאך א גליק
וואס א פאסטוך איז געוועזן
אקוראט ניט ווייט פון בריק
און דעם פּריץ מיט א שטריק
פון די זשאבעס אויסגעלעזן...
ווערט א סליעדסטוויע — ווער און וואס?
און פון וואנען, און פון וואס?
מען דערגייט: ווער? — יאנקעלי! קוילעט,
היינגט אים, שיסט. ער זאגט זיך אפּ,
נאר עס העלפט ניט. הערט מ׳ט קאפּ:
— „ס׳איז בא אייך געווען דער מולד
יענעם אוונט?"
— יא.
— „אהא!
און בשעת קידוש לבנה
האסטו, ברודערקע, אזא
שפּרונג געטאן פאר גרויס כונה,
אז די היטל איז פון קאפּ,
אף דער ערד בא דיר אראפּ!
וואס־זשע דארף מען לאנג דא ברייען?
ס׳איז דאך קלאר פאר אלט און יונג
אז די בריק איז פון דיין שפּרונג
איינגעפאלן — זאגט דער דין —
על כן, יאנקעלע באצאל,
וואס זי האט געקאסט אמאל,

כאטש פארמשכן באיד און פאות"...
קלוג, איא? אי קלוג, אי גוט,
א פסק־דין לכל הדעות:
אין רומעניען א סוד
ווייסט מסתמא וואס ער טוט!
פון מצרים און ביז קראיעווו,
פון בערדיטשעוו ביז קאיר —
כלו חיב, כלו חיב,
כלו חיב — זיינען מיר!.."

———

גנבות, היישעריק כאלערא,
פליגן, ווערים, פילאקסערא,
קעלט, סובאטע, האגל, ווינט —
דער ווערט טוב און יענער בלינד,
דא איז הונגער, דארט קדחת,
דא א קלאנג, דארט א געשריי —
אומעטום, לכל הפחות,
מוז א איד זיין, אדער צוויי,
אידן טוען אף צו להכעים,
שנאת חנם קאכט אין זיי...
און איך שריי, און שרייען ווידער
וועל איך — אייביק אן א שיעור!
כלו חיב, ליבע ברידער,
כלו חיב — זיינען מיר!"...

———

בלייך און דער רוקן ג"בוינן
זיצט מיין ישראל'יק—ווי בל יענע שווער
פון די פארטונקלטע אויגן
טריפן א טרער נאך א טרער...
— "זאג־זשע מיר — פרעג איך אים: זיי
זיך מטריח
אז "כלו חיב" בא אונז איז שוין גרייט

מא וואו־זשע איז ער?
— משיח?
„נארעלע! הערסט דאך — ער גייט!"...

משיח׳ס צייטן

די פאפירענע בריק

(א באבע־מעשה)

אין א שטעטל
(ווי געהײסן
האט דאס ליבע
שטעטל, — ווייסן,

גלויב איך, אלע,
קליין און גרויס;
און אויב ניט,
מאכט אויך ניט אויס;

גשי, גינשפּ יג,
יארמעלינע,
וואס איז דא
די נפקא מינה

וואסער שטעטל,
וואסער טייך?
כ׳שרייב דאך ניט
קיין גט פאר אייך)

אין דעם שטעטל,
ערב פורים,
הויך און מעכטיק
ווי א שטורם,

האט א בת־קול
זיך דערהערט:
"— אידן! גליק
איז אייך באשערט;

"אוים בהלות,
אוים יללות,
אוים, א סוף
צו אייער גלות;

ניכער, ברידער,
מאכט זיך גרייט,
מאכט זיך גרייט —
משיח גייט!.."

* *
*

און משיח
איז געקומען...
אידן לויפן,
שרייען, ברומען,

אומגעלומפערט
און צעהיצט,
אי פארמאטערט,
אי פארשוויצט,

רויט ווי פייער,
בלייך ווי מתים,
באפן תפילין
און טליתים,

ספרים, בעטגעוואנד
און טעפ;
ס'גייען כאראקס
די קעפ;

א יריד, א מארק,
א מורא;
ס'איז אין שטעטל
שמחת־תורה;

און שוין פלאנען
טאקע באלד
מאכן אלע,
יונג און אלט,

ווי אזוי דארט
אנצוהויבן
גאר א נייעס,
זיסעס לעבן.

* * *

מאטיע טשוואק
דער וואסערפירער
האט געכאפט
דעם לעצטן פירער

און, צעפלאקערט
ווי א בליץ,
באלד אין שיינק
אריין מיט היץ:

„— א גאט העלף,
א נו, רב חיים,
גיסט נאר אן
א כוס לחיים

און פון גרעסטן
טאקע שטאף,
וואסער פירן
אויס, א סוף

ווייל אף גאנץ
ירושלים
װעלן זיין דאך
שואבי מים

די בני גבעון!..
גייט אין דר׳ערד
אי דאס פעסל,
אי דאס פערד!..״

* *
*

„— הערסטו, סערדצע,
הערסטו האדל,
צום שווארץ־יאר
די שער און נאדל,

„אויס, אן עק
צו שניידערײ,
און א לעבן
פון דאסנײ!״ —

האט געשריען
יאנקעל שנײדער:
„כ׳נײ אט באלד
א קלײד פון זײד דיר

„און א שלעפ־שאל
קויף איך דיר...
געלט? דו, בהמה, —
אן א שיעור,

הוליעט, קינדער,
הוליעט, ברידער!
ווייל אז באלד
נאט וועט שוין ווידער

מיט זיין גרויסער,
שטארקער האנט
פירן אונז
אין אונזער לאנד

און דעם בית
המקדש בוען,
בין איך דאך,
מיין ווייב, א כהן!

זיץ זיך רואיק
אין געצעלט,
און צו דיר
א גאנצע וועלט

גייט און טראגט
פון אלעם בעסטן
הינער, טובן
גאנצע נעסטן

מעשר, תרומה
פולע זעק
מעל און בוימאייל
אן אן עק,

ווארמעס קאבן,
הארץ מינס, אך,
וואס דיר גלוסט זיך
— נעם און קאך

א געב־אטנסל,
אן ערך,
פון די פעטסטע
שוק וירך,

מיט א צימעסל
פון שלמים
אנגעפעפערט
פול מיט בשמים!

קלייב דיר אוים
דעם בעסטן ביסן
און פארטרינק
מיט יין קפריסין.

„הא? א שמאלץ־גריב
בנאמנות...
עס און טרינק
און ברינג קרבנות!..״

* * *

בא א גלעזל
גוטן מעד
איז געזעסן
און גערעדט

משה טראליסמאן
דער סקלאדטשיק
מיט רב שלמה'ן
דעם פאדריאטשיק:

„—הייסט עס, קלערט איר
נעמען דארט
דעם פאדריאד?
גאנץ גוט, נאר פארט,

א בית המקדש
סטראָיען... שווערלעך!
היינט בא אידן
גיי בלייב ערלעך...

נײַן, איך נעם
  רעם אַטקופּ דאָרט, —
א געשעפטל
  פּערוויִ סאָרט;

פּשוט זאַגן,
  גאָלד צו שפּינען,
ממון קרח
  צו פאַרדינען"...

„—יאַ, רב משה,
  אָבער פאַרט,
איר פאַרגעסט ניט —
  וואַונען דאָרט

„וועט דאָך נאַר
  דאָס פאָלק־ישׂראל,
אונזער לאַנד
  און אונזער קהל,

„זײַן כּאַ זײַ
  א סקלאַרטשיק... אָך!
אידנס שבֿירות
  ווײסט איר דאָך:

אױף הבֿדלה
  און אױף קידוש"...
„—אײ, רב שלמה,
  ס איז א חידוש

מיר אױף אײך...
  ווי הײסט... איר הערט?
אידן טרינקען ניט?!
  פאַרקערט.

גלויבט מיר, איך
וועל זיין צופרידן;
טרינקען וועלן
מוזן אידן,

און טאקע י״ש
למען־השם;
ס׳איז א פסוק
דא אף דעם.

איר געדיינקט,
דעם נביא׳ס שרייען:
הוי שכורים
ולא מיין!

היינט באקלערט,
אז ניט פון וויין,
מוז דאך דאס
פון בראנפן זיין!״...

* *
*

נחמן־מנדל
ציפערבלאט,
א ניקאלאיעווער
סאלדאט,

האט געמאכט
א שמועס אין מנין
וועגן חיל
(אין דעם ענין

מן הסתם
איז ער געניט)
—חיל דארף מען,
ווי רעץ, ניט?

יונגע לייט
איז קיין עין הרע
דא גענוג,
און ס איז א סברא

אז פון פריזיוו
וועט מען דארט
ניט אנטלויפן;
אבער, פארט

אלץ דארף זיין דאָך
בלאהאראָדנע —
א פאָלקאָווניק
און א ראָטנע.

די אוטשעניע,
דעם פאראד
אויסצולערנען
דעם סאָלדאט

ער זאל זיין
אין סלוזשבע פלייסיק...
איז בכן,
כאטש א יאָר דרייסיק

אז איך גיי
אף קוליעס, האב
א קאנטוזיע
אין קאָפ,

מיט אן אויסשפרוך
א פאנפאטן
(בירושה
פונ׳ם טאטן)

און די לינקע
אויג זעט אויך
עפּעס אַלץ
ווי דורך אַ רויך

אגב, אידן,
ווי איר זעט,
בין איך כאַטש־בי
תיכף גרייט —

כּדי אידן
נ־ט פאַרשעמען —
די קאָמאַנדע
אָף זיך נעמען;

אַרטילעריע
מיט פּעכאָטע,
מיט האַרמאַטן,
ביקסן... בלאָטע;

נייט נאָר אויף מיר
אַ מונדיר
און איך ווער
אַ קאָמאַנדיר"...

* *
*

אויפן שול־הויף
ווערט אַ דראַקע:
צוויי בינדאַזשניקעס,
און טאַקע

די, וואָס עברי
ניט אַ וואָרט,
האָבן זיך
צע'טענה'ט דאָרט

װעגן דעם,
אף װאסער ארט —
נוסח אשכנז
אדער ספרד

דאװנען דארטן
זאל דער עולם...
„—אשכנז, בהמה!"
„—ספרד, דו, גולם!"...

„—יורקע!"... „—ממזר!!"...
און צום עק —
קלעפּ געבראָטענע,
א שרעק...

* *
*

װענדיק
דעם עולם׳ס פרייד,
הערנדיק
די אלע רייד

מיט די פּלאנען
פונ׳ם קהל
אפן גאנצן
לאנד ישראל—,

„שטייט, רבותים,
װארט נאר אײַך,
אייער גליק
איז טאקע גרויס —

האט געזאגט
משיח, — „אידן
מעגן טאקע
זיין צופרידן,

הוליען אפן
העכסטן ארט,
וואס זיי האבן
מיך דערוואַרט.

אבער קודם
אלע זאכן
דאַרף איך דאָך
די בריק אויך מאכן

ווי איר ווייסט דאָך,
פון פּאַפּיר,
ברייננגט=זשע
מאַטעריאַל צו מיר"...

"וואס? פאפיר?
אך, מיר פארמעגן
דאס אפילו
אכצן וועגן:

"תנאים .. גט...
פּריכאָד—ראַסכאָר...
אידן שרייבן,
דאנקען גאָט!"...

* * *

אפן שול=הויף,
וואו אין בלאָטע
שווימט ארום
א גאנצע ראָטע

גענז און קאַטשקעס
טאָג און נאכט,
איז געווען
דער סקלאַד געמאכט.

אינגלעך, מיידלעך,
ווייבער, זקנים
האבן זיך
צעיאָגט אין איינעם.

און פּאַפּיר
האט יעדער באלד
אנגעבראכט —
א שרעק, א גוואלד,

ספרים, ביכער,
בלעטער, בלעטלעך:
אידן לומדים —
נייע פּשט׳לעך

שאַרפע, טיפע —
על־פּי־רוב
אף וויזתא׳ס
גרויסן „וו אָ וו״,

אף „צ פ י ח ת״,
„א ח ש ת ר נ י ם״
מיט נוטריקין
און סמנים

אף דעם רמז,
וואס איז שייך
צו די ווערטער
„שני שדיך״,

אף „ש נ ת י ם״
און „מ ק ץ״
מיט א ד ר ש
אף „מ ו כ ת ע ץ״

די זשאַרגאָנע
  ראָמאַניסטן —
גאַנצע פּעק
  פון אלע מיסטן,

ווי למשל
  א ראָמאַן:
„דרייצן ווייבער
  און איין מאַן",

„פון א בת־מלכה
  מיט צוואַנציק
פעלד־גזלנים
  נעבן דאַנציג" —

ווי זיי האבן
  מיט געוואלד
אין גרויסן,
  טיפן וואַלד

זי פארפירט
  און דאָרט פארבאָרגן
אין א היול,
  און ווי אף מאָרגן

איז געגאַנגען
  דורכן וואלד
א באהעלפער
  יאנקל שפּאַלט,

(נאך א שטעקל
  צו דעם קאנטשיק
פאר די אינגלעך
  מק"ק דאנציג)

האט די בת=מלכה
געפונען,
די גזלנים
אין א ברונען

זייער קלוג
אריינגענארט,
אלע צוואנציק
דארט פארשפארט

און אוועק
באנאכט פאמעלעך
מיט דער בת=מלכה
צום מלך;

ווי דער מלך
האט באלוינט
דעם באהעלפער,
וועלכער וואוינט

איצט אין גינשבריג,
האלט דארט סקלאדן,
פירט געשעפטן,
נעמט פאדריאדן...

און אזוי
אף דרייצן אייל
א ראמאן
אין זיבן טייל...

* * *

די זשארגאנע
גראמען=קלייבער —
שארפע מחות
וואזשנע שרייבער

מיט פאנטאזיעס
א בראנד! —
האבן תיכף
איינגעשפאנט

א פאָר ציגן
אין א שליטן
מיט א בהמה
אין דערמיטן

און געבראכט
פאפיר א באַרג
און געזאגט,
אז אויב ס'איז קארג

וועלן זיי —
מען זאָל ניט זארגן —
נאך אזויפיל
ברייננגען מארגן:

שירים, מליצות,
ווארט צו ווארט
און אנטיק
צונויפגעפּארט

ווי, למשל:
טאטע,
שמאטע;
ציגן,
פלינן;
איצע,
פיצע,
פיצעריצע;
קעפל,

קנעפל,
טעפל,
יויך;
אפיקומן,
קוימען,
רויך...

קורץ געזאגט —
אזעלכע גראמען,
וואס מען קאן
מיט זיי זיך סמ׳ען...

* * *

די פאלעמישע
קריטיק —
שמאטעס, בוי
באמש דרייצן בריק,

ספליאטקעס, מעשה,לעך
צום לאכן
פון אינטימנע
פרעמדע זאכן:

וואס טרינקט דער,
וואס יענער עסט,
ווער בא וועמען
זיצט אף קעסט, —

מיט א שפראך,
וואס זי צו הערן
בעל-עגלה׳ס
דארף מען ווערן...

* * *

אף פאפיר
פון שענסטן ארט

האט משיח'ן
גערבראכט

זיין אטשאט
דער פרנס=חודש
וואס ס'איז יעדע
ציפער קודש;

וואס, פון וועמען,
ווער און וועם —
און קיין קאפיקע
בא דעם. .

איר אָטשאָט —
די תלמוד=תורה,
אפגעדרוקט
מיט מרה=שחורה...

און דער הקדש
און די שול —
אן אטשאט
מיט ציפער פול:

וויפיל שפאלטן,
וויפיל לערער
אין די ווענט
און אין די דעכער,

וויפיל הייצונג
גייט אוועק
ס'זאָל דאָרט זיין
א קעלט—א שרעק.

דער ראבינער —
זיינע דרשות,

וואס פון זיי
שלאגט אן חלשות...

בעלי־טאקסעס —
דעם קאנטראקט,
וואו עס שטייט
בפירוש: „האקט,

רייסט און שינדט
די הויט פון קונה,
ווי פון אייער
גרעסטן שונא"...

די רבנים,
די מופלגים —
שאלות — תשובות
וועגן סיגים.

יין־נסך
און חליצה,
סמן־נערות
און מציצה...

חברה־שניידער —
גאנצע פעק
מיט מסירות
אָן אַן עק:

אף די קלעפ
הושענה־רבה
אין בית־מדרש
פאַר דעם גבאי.

אף דעם סטאראסטעס
„ראָבאָר",

אף דעם שול
אוּן אף דעם באַר...

די מלמדים
פוּנ׳ם שטעטל —
אַ פאַדראַבנעם
לאַנגען צעטל

וויפיל מאָל
אף יעדע שעה
שטאַרבן זיי
פוּן הוּנגער דאָ;

וויפיל קרוּמע
אוּן האַרבאַטע
אוּן זאַאיקע
אוּן פאַנפאַטע

זײַנען צווישן זיי
פאַראַן,
אוּן דערצוּ
געמאַכט אַ פּלאַן

אַ קאַרטינע
פוּנ׳ם חדר,
וואוּ זײַן אָרט
פאַרנעמט דאָרט יעדער:

וואוּ די קוואַטשקע,
וואוּ די ציג,
וואוּ די בעט
אוּן וואוּ די וויג...

וואַכערניקעס —
לאַנגע ספּיסקעס,

ווי געמאַטעוועט
די קישקעס

באַ יתומים
און אלמנות
מיט פּראָצענט —
פאַר גרויס רחמנות...

דער פּאדריאַדטשיק
פון דער באד
האָט געבראַכט
אַ לאַנגן סטשאָט,

וואו ס'איז דייטלעך
אלץ פארשריבן,
וואָס באַ אים
איז ניט געבליבן...

פון איספּראַווניק
דער דיסיאַטסקע
האָט געבראַכט
א גאַנצע טאַצקע

פול מיט אידישע
דאָנאָסן,
און געזאָגט
בזה הלשון:

„— היות, דער עולם
גייט אַוועק,
מאָ נעמט מיט זיך
אט די פעק

ספּליאָטקעס, פּראָזבעס
אלע סאָרטן,

לאז מען זיי שוין
רעפּן דארטן".

קורץ, פּאפּיר
פון אלע ווערק
גאנצע סקירדעס,
גאנצע בערג —

א דערקוויקעניש
צו זען!..
אבער הערט,
וואס ס'איז געשען:

אז משיח
האט באטראכט,
וואס דער עולם
האט געבראכט —

אט די אלע
אלטע שמאטעס —
דא מיט לעבער,
דארט מיט לאטעס;

אט דעם שמוץ,
דאס מיסט און שטויב,
וואס עס מאכט אונז
בלינד און טויב,

וואס פארצאמט
דעם וועג דעם ברייטן,
ווי מיט גראבע
שווערע קייטן,

און עס מאכט
צו שפּאַט און שאנד
אונזער פאלק
אין גאנצן לאַנד,

בּאַ דעם מינדסטן
אין די אויגן, —
האט ער טיף,
דעם קאָפּ געבּויגן

און געזאָגט:
„—ניין, בּרודער, ניין...

אפשר איז דאס
גוט און שיין,

אבּער הוץ
גאַר אלע זאכן,
אף דעם בּריק,
וואס איך דארף מאכן,

ניט אזא מין
כאַרט פּאפּיר,
ליבּע בּרידער,
טויג פאר מיר

פון דעם בּיטערן
און בּייזן
גלות, — אידן
צו דערלייזן"...

• • •

און משיח
האט זיין פערד
פון דעם שטעטל
אָפּגעקערט

און מיט טרויער,
שמערץ און צאָרן
ווייט פון דארט
אוועקגעפאָרן...

הייס און קאַלט.

(א לידל)

נו, מזל-טוב, רחל'ע, מזל-טוב דיר —
א קינד, א בן-זכר געבאָרן!..
דאס פיצעלע קוויטשעט און שרייט אָן א שיעור...
וואס איז דאס, דו, קליינער, וואס איז דאס מיט דיר?
דו ציטערסט? דערפראָרן געוואָרן?
אך, דארט, אפן הימל, וואו דו ביסט געוועזן,
איז ליכטיק און פריילעך, און וואַרעם און שיין,
און דא .. הערט זיך צו — באמנות:
דאס פיצעלע רעדט דאך, עס שרייט דאך: „גוואַלד!
אוי, מאמע! ווי פינסטער איז דא און ווי קאַלט!..
אוי, וויי! האָב רחמנות!"...

* * *

דאס רעדעלע דרייט זיך
ארום אָן אן עק;
א טאָג קומט צו קריכן,
א יאָר פליט אוועק...

— „גוט מאָרגן אייך, רבי!" — גוט מאָרגן! א נו!
אט זעץ זיך אקאָרשט נאָר אנידער
און נעם זיך צום חומש... נו, לעבעדיק... דו!
מיט חשק, מיט אברים, מיט גלידער!..
דו שווייגסט?!.. נו, טאָ לייג-זשע זיך! ליג... אט אזוי...

איינס!.. צוויי!!.. „רבי! רבינו! אוי?.."
„— ליג, ליג! דו, כל־בוניק!.. ס'וועט קאָסטן דיר טייער!..
איך ארבעט, איך קנעל, איך באַגים זיך מיט שווייס,
און ער... מאָ, אט נאַ־זשע דיר! פיל'זשע און ווייס...
האָ? ווארעם?"... „הייס! רבינו, רבינו הייס!
עס ברוט ווי א פייער!.."

* * *

א טאג קומט צו קריכן
א יאר פליט אוועק,
אלץ האט זיך זיין אָנפאַנג,
אלץ האט זיך זיין עק...

———

און נאך אמאָל—מזל־טוב! — מזל־טוב אייך!
שפילט כלי־זמר'לעך! הויבט זיך אף פליגל!
דעם חתן איז פשוט. „דער קרומער נים גלייך":
די כלה—א דימאַנט. א שפיגל!
מע הוליעט!.. ווארט אוים, ליבע פריינט, זייט נים
פויל —
דער דימאנט האט נעגל! דער שפיגל — א מויל...
— נו, מאנעלע! ווארעם? עס קוועלט די נשמה?
„—אוי, ברידער, בחורימלעך! איילט זיך נים!—קאַלט!
א'ך פריר ווי אום שבט בא דער נאכט אין א וואלד..
איך ציטער, איך צאפל... אוי, ברידערלעך, גוואלד!
איך פריר, פון נחמה!"

* * *

די וועלט איז א חדר
פאר קליין און פאר גרויס!
מע קוועטשט זיך, מע שטופט זיך —
מע לערנט זיך אוים...

———

א סוחר געווארן... נו, גיכער, רב איד! —

אין האַץ איז אַ מאַרק און אין קלאַץ — אַ יריד...
עס הודיעט, עס קאָכט ווי אין גיהנום!
איר זעט — קיין עין־הרע! מע לויפט! —
פעל, אקסן, זאַלץ, קאָרן, פלאַקס, פּאַצירקעס, לעדער!
מע פליט ווי אויף פליגל, מע פאָרט ווי אויף רעדער,
מע האַנדלט, מע וואַנדלט, מע קויפט, מע פאַרקויפט...
דאָס סוחר׳ל יאָגט זיך נאָך דעם און נאָך יענעם,
עס ציטערט, עס צאַפּלט, באַגיסט זיך מיט שוויים...
אוי, סוחרים׳לעך, אידעלעך, פייערדיק, הייס!
עס ברענט ווי אין גיהנום!

* * *

דאָס וועלטעלע דרייט זיך —
אַ מאַרק, אַ יריד!
עס הודיעט, עס פלאַקערט,
עס ברענט און עס זידט...

ברענט, ברענט,— איר וועט אפּגעקילט ווערן רב איד —
איר אײַלט זיך נאָך סחורה? — נאָך אײַזן, נאָך ברעטער
נאָך זייד און נאָך סאַמעט — איר פלאַקערט, איר זידט?
פאַרגעסט נאָר ניט — זייט אַזוי גוט — פון יריד
אַ שטיקעלע לייוונט צו ברייינגען, רב־פּעטער...
עס קלאַפּן די פּושקעס, עס אַרבעט די זעג:
פיר ברעטער, צוויי שערבלעך, — און אויס מיט אַן עק!
געקומען צו פאָרן פון לעצטן ירידל...
נו, גיכער, שמשים! פאַרשיט שוין, באַהאַלט!..
אוי, אידעלעך! קאַלט איז דאָרט — זאָג איך אייך — קאַלט?!...
— — — — — — — — — — — — — — — —

געפעלט אייך מיין לידל?

צוויי בילדער.

Neue Zeiten—neue Vögel,
Neue Vögel—neue Lieder.

I.

איר געדיינקט די אלטע זאגע,
ווי אמאל, אמאָל פארצייטן,
פלעגן מיר דעם טאג פארברייינגען,
וועלכער הייסט בא אונז „יום־כפור“?

אין די גערטנער פון יריחו,
אין די גרינע פאַלמען־גערטנער,
קלינגען הארפן און טראמפייטן,
שאלן זיסע, יונגע שטימען;

זיסע פרויען־שטימען קלינגען
און זיי פליסן העל און פריילעך,
ווי א קלאנג פון זילבער־גלעקער
אף די פרישע בלומען־שטאקן:

„—קומט אהער, אהער בחורים!
קלינגען יענע ליבע שטימען:
קוקט, דאס זיינען אלע שענסטע,
פיינסטע טעכטער פון יריחו.

ווי די פאַלמען, הויך געוואקסן,
פריש און דופטנד, ווי די רויזן,
אלע שענסטע, אלע ליבסטע,
פיינסטע טעכטער פון יריחו.

קומט אהער, אהער, בחורים!
קלייבט אייך, קלייבט אייך כלה׳ס... אבער
קוקט ניט נאר אף אונזער יוגנט,
ווילט ניט נאר אליין די שיינהייט,

ווייל די יוגנט וועט פארבליען,
און פארגיין וועט די שיינהייט;
בלייבן וועלן גוטע זיטן,
בליען אויביק וועט די טוגנד.

גוטע זיטן, טיפע ליבע,
פיינע, איידעלע געפילן —
דאס איז אונזער גרעסטעס רייכטום,
דאס איז אונזער בעסט פארמעגן!...״

שווארצע לאקן, ווייסע קליידער,
שווינדלען, פלאטערן פון ווייטן,
דורך די גרינע פאלמען־צווייגן,
דורך די פרישע בלומען־שמאקן,

אלע גלייך געקליידט -- אין גלאטע,
ווייסע קליידער. לויט דער מנהג,
פלעגן דאמאלסט זיי די קליידער
בארגן איינע בא דער צווייטער:

ס׳זאל ניט זיין, ניט רייך, ניט ארים,
ניט קיין גדלות, ניט קיין בושה...
אלטע צייטן — אלטע בילדער,
אך, זיי זיינען שוין פארגאנגען!..

II.

נייע צייטן — נייע מענטשן,
נייע מענטשן — נייע בילדער:
העל און ליכטיק איז דער גרויסער
שיינער טאנץ־זאל אין „סאבראניע“.

אין דעם גרויסן, שיינעם טאנץ־זאל
זאמלען זיך צונויף צום „אָוונט"
אלע שענסטע, אלע בעסטע,
פיינסטע טעכטער פון יריחו;

אלע פיינסטע, אלע בעסטע,
שענסטע טעכטער פון יריחו;
פון יריחו און פון חברון,
פון בערדיטשעוו און פון קאוונא:

פריילן מאריא פייסעכאָוויטש,
נאסטיא קאפאן, פראסיא למך,
און די שענסטע איזאבעלע,
איזאבעלע לאקשן־צימעס.

אלע זיינען זיי געקליידעט
נאך דער לעצטער, שענסטער מאָדע
און זיי זינגען גאר אן אנדערש,
גאר אן אנדערש, נייעס לידל:

„קומט אהער, אהער חתנים! —
זינגען מאריא, נאסטיא, פראסיא,
און די קלוגע איזאבעלע,
איזאבעלע לאקשן־צימעס;

„קומט אהער, אהער, דאקטוירים,
אינזשענערן, אדוואָקאטן,
מיט נאַשיוויקעס, מיט קאקארדעס
מיט דיפלאָמען, אמעסטאטן:

„נעמט אונז, גוואלד, אוי, האט רחמנות,
נעמט אונז, כאפט אונז!.. אך, מיר אלע
זיינען גרייט מיט אייך צו לויפן
אין גן־עדן און אין גיהנום...

נעמט אונז, כאַפּט, הילט־איין, פאַרוויקלט
אונז אין זייד, אין סאַמעט, אַטלאַס,
קויפט אונז לאַזשן אין טעאַטר,
פירט אַף באַלער, מאַסקאַראַדן,

„אונזער הוט זאָל זיין אַ גאַנצע
סקירצע בלומען, — שיינע בליצן;
גאַנצע גענז און גאַנצע הענער,
זאָלן דאָ־ט פון אויבן זיצן.

אונזער קלייד זאָל זיין פון אַלע,
אַלע קליידער שענער, בעסער;
אונזער שלעפּ—פון אַלע לייננער,
דער טורניור — פון אַלע גרעסער, —

אונזער אָנצוג, אונזער צירונג
זאָלן גלענצן ווי די שטערן —
אַלע אונזערע באַקאַנטע
זאָלן אַ כפּרה ווערן!..

און זוי ווייטער, און זוי ווייטער,
זינגט דאָס לידל, ליבע ברידער!
נייע צייטן — נייע מענטשן,
נייע מענטשן — נייע לידער,

נייע נעמען, נייע הערצער,
נייעס און נייס פון אַלע זייטן,
איינס נאָר איז בא אונז געבליבן
פון דעם מנהג פון פאַרצייטן,

איינס, אַ קלייניקייט: די קליידער,
ליבע פריינט, די פיינע קליידער
מיט דער צירונג, מיט די בלומען
זיינען אַפּט... אַף באָרג גענומען!!!...

גאט אין אָדעס.

(סקיצע).

צוריק נים מער דריי־פיר מעת־לעת
איז גאט געקומען קיין אָדעס
(געװײנלעך, אונטערװעגנס).
„אז כ'בין שוין דא — האָט ער געטראַכט —
טאָ לאָמיך זען, װאָס דא מאַכט
מײַן ביסל אידיש אייגנס".

װאו זעט מען אידעלעך? — אין שול.
ער גייט אַרײַן — די שול איז פול,
עס קאָכט, עס ברענט, פּלאַס־פּייער;
הו־האַ, א טומל, א געשריי...
„װאָס טוט זיך דא? װער זײַנען זיי?"
— די „פרידלעכע באַנײַער".

ער לאָזט זיך אַף שאַלאַשנער גאַס.
די שול, װי הערינג אין א פאַס,
חי גארבן אין א שײַער,
איז אָנגעלאָדן אן א ברעג.
„װער זײַנען די"? — טוט גאָט א פרעג.
— אויך „פרידלעכע באַנײַער".

נאך אין שולכל, נאָך א ן צװיי —
און אומעטום אלץ זיי און זיי
און אומעטום פון דאסניי ער;
אי גרויס, אי קליין, אי יונג, אי אלט,
אין יעדן װינקל, יעדן שפּאַלט
אלץ „פרידלעכע באַנײַער".

און אומעטום — רב דוד ברב״ש,
דער גרעסטער דאָ־טיקער בר — נש,
טומ חי = וקים שרייען;
מאכט א גוואלד, א טאראראם
בכדי דאס פרידלעכע פראגראם
צו טאן ראספּ־אָבטראניאיען.

אך, שרעקלעך מאכט רב דוב ברב״ש
פון אלע „רויטע״ שטויב און אש!
ער פלאקערט ווי א פייער;
ערווארפט זיך בייסן ווי א פלאנג
און קלינגט און זינגט א לויב = געזאנג
די „פרידלעכע באגייער״.

— „א סוף צום אומגליק, לייד און פּײַן —
געזונט און גליקלעך זאָלן זיין
הער פראפּפער און גראף הײדן!
קלײַבט אוים אין דומע די פּאר לייט —
וועט ווערן באלד פון יעדן זייט
גאנץ רוסלאנד א גן = עדן.

„אין דעם גן = עדן וועלן זיין
די מייכן פול מיט ביר און וויין,
די וועלדער מיט מאראנצן;
ס׳וועט יעדער פויער האבן זיי,
טאג = טעגלעך טרינקען הייסע טיי
און גיין א פרייליכעס טאנצן.

„קיין חילוק וועט שוין, ווי אמאל,
ניט זיין: א טאטער, א כאכאל,
א פּאליאק, א ציגיינער;
ניין, אלע גלייך און אלע פיין, —
דער לעצטער בעטלער וועט זיך זיין
א בעל = הבית א פיינער...

„אין דעם גן־עדן וועלן אויך
מיר אידן זיצן בּריים און הויך,
עס וועט פאר אונז אפילו
דארט קין „טשע־טא" ניט זיין... עס היסט
ס'וועט יא זיין... מחמת... דו פארשטייסט...
עס פּאסט ניט לכתחלה

„מבטל זיין זי גאנץ און גאר:
מ'וועט נאר יעדע צוואנציק יאר
צורוקן זי אביסל"...
— „אזוי? — זאגט נאט — כ'פארשטיי דעם טעם...
דאס איז, זייט מוחל, א פּראגראם
בבחינת „כשר־פּיסל"...

„נו, ליבּע אידן, כ'זע, צום גליק,
איר האט א קאפּ אין פּאליטיק, —
אז וואויל צו אייער טאטן!..
און וואס איז טאקע דא דער נס?
עט נו, אדעם בלייבּט פארט אדעס!..
נאר איינס וואלט איך אייך ראטן:

„רב דוד ברבּ"שן האט איר שוין,
איז פעלט איך איצט נאך איין פארשוין, —
צו פאשן מיינע שעפּסן
אין פוסטן פעלד, אין וויסטן וואלד;
נעמט ווידער צו און טאקע באלד,
פאר א ראבּינער—קרעפּסן!!...

די ריפּ.

(א גמרא).

אז דער ליבער בּורא־עולם
האט בּאשטימט בּאשאפן חוה
(כאטש, אין תוך גערעדט, געוועזן
איז דער גאנצער פּלאן טשיקאווע),

האט ער שטאַף — זאגט די גמרא —
ניט פון אדם׳ס הענט גענומען,
נ׳ט פון זיינע פיס און איינגן,
ניט פון קאפּ, פון צונג, פון גומען.

ווייל עס ליגט אין קאפּ די גדלות
און די תאוה אין די אויגן —
צווייי הסרינות, וועלכע דארפן
פאר א פרוי דורכאויס ניט טויגן.

ניט פון אדם׳ס הענט בּאשאפן
האט זי גאט, זי זאל ניט וועלן
מיט דעם מאן מלחמה האלטן,
איבער אים זיך העכער שטעלן.

ניט פון צונג און ניט פון גומען,
ווייל דאס זיינען יענע כלים,
וואס מיט זיי, ווי מיט אן עמער
שעפּן מענטשן דברים־בטלים,

פון די פיס — זי זאל ניט גלוסטן
פון דעם מאן א פּליטה מאכן.

אט כדי זי זאל באפרייט זיין
פון די אלע שלעכטע זאכן,

פון דעם ריפּ האט זי געבּארן
דער באשאפער, פון א שטומען,
בלינדן, אומשולדיקן ביינדל
האט דער בורא זי גענומען...

אט דערפאר — זאגט די לעגענדע
פון די אלטע, קלוגע יארן —
האבן ווייבער אלע מעלות
און קיין איינציקן חסרון...

צוויי אסיפות.

א.

די רבנים זיצן,
די רבנים קלערן,
וואס זאל מיטן
פאלק ישראל ווערן?

די אסיפה זייערע
מאכט א גרויסן רושם —
סטייטש, די גרויסע פאסטובער
פון די צאן־קדושים:

פון פאלטאווע, קאוונא,
גשן, יורהדע'ווקע,
תוכחה'ווקע, זלידיניזזקע,
שחינ'עווקע, צפרדע'ווקע;

אלץ „מאורים גדולים",
ס'איז א פּראכט, א מורא;

אך, אף יעדער יארמעלקע
שיינט דער כתר־תורה!..

די רבנים זיצן,
די רבנים קלערן,
וואס זאל מיטן ליבן
פאלק ישראל הערן?

די רבנים קלערן
און פאר גרויס רחמנות
אפן פאלק ישראל
מאכן זיי תקנות:

„— באשר, ווי מיר ווייסן,
אז דער גאנצער גלות
מיט די אלע גזרות,
מיט די אלע קללות,

„רשעות און בלבולים,
שנאה, צרות, מכות
קומט ארויס דורך יענע
שקצים און טרפניאקעס,

„וועלכע זיינען פלוצים,
אין די לעצטע יאר־ן,
כ׳וויים, פון וואס, פון וואנעט,
גוט און פרום געווארן...

„לכן דארף מען עפעס
טאָן דערצו וואס גיכער. —
און כדי אף וויטער
רואיק זיין און זיכער,

„ז׳ מיט אלע זייערע
קרובים און חברים,

חײַבער, קינדער — װאַרפֿן
מיר אַרײַן אין חרם!!!"

די רבנים אַרבעטן,
די רבנים אַקערן...
שופֿרות בלאָזן, שװאַרצע
ליכט באַם עמוד פֿלאַקערן...

און דאָנאָסלעך פֿליען,
שיטן זיך פֿון דאָרטן
לעבעדיק, װי פֿױגעלעך:
זומער־צײַט אין גאָרטן;

און פֿון אַלע זיבן
הימלען שרײַט מען „בראַװאָ"
לעבן זאל הקטן
עקיבא מפּאָלטאַװאַ!"...

ב.

די „טרפֿניאַקעס" זיצן,
די „טרפֿניאַקעס" קלערן,
װאָס זאָל מיטן ליבן
פֿאָלק ישׂראל װערן?

אין די ערי־מקלט —
גשן, יורהדע'װקע
תוכחה'װקע, זלידיניװקע,
שחינ'עװקע, צפֿרדע'װקע

זײַנען שױן פֿאַר הונגער
אַלע מײַז אַנטלאָפֿן;
אױס, אַ סוף, ניטאָ שױן
דאָרט אַף װאָס צו האָפֿן;

ווי א רויך צעגאנגען,
מיסט פון אלץ געווארן;
ווייטער ווארטן קאן מען נים.
הייסט עס, דארף מען „פארן“.

פארן דארף מען, אבער
ווי אזוי און ערגץ?
אף א שכל ריימנדיק
איז א לאנגער דרך...

און וואיהין, למשל?
נאר אין פאלעסטינע,
אדער ערגעץ אנדערש־וואו
זוכן א מדינה?

אפשר כא דעם לעבער־ים,
וואו, באדעקט מיט שנייען,
אלכסנדר מוקדון'ס
הרי־חשך שטייען?

אפשר צו די גלעזערנע
בערג זיך לאזן וואנדלען,
וואו עס וואקסן צוקערקעס,
ראזינקעס און מאנדלען,

וואו אין שבט אפילו
איז דער פראסט ניט שולט,
און דער בוים־לבנה
בליט ביז צו דעם מולד...

די „טרפניאקעס“ זיצן,
די „טרפניאקעס“ קלערן,
קראצן זיך אין נאקן,
רייבן זיך דעם שטערן,

שוויצן נעבעך, סיען זיך,
גאָט איז זייער עדות;
ווי א האגל שיטן זיך
רעפעראַטן, רעדעס.

סטעטעס מיט אַטשאַטן
כל המיני סאָרטן,
און זיי מאַכן סוף כל סוף
א תקנה דאָרטן:

אין א יאָר אין צוויי אַרום
פאַר די אַלע זאַכן
נאָך אַמאָל איה״ש
אַן אסיפה מאַכן!..

גבורים.

(א פשט׳ל)

דער פסוק זאָגט:
„א נזיר זײַן —
זאָל ער די האָר ניט שערן, הייס איס
ניט עסן פלייש, ניט טרינקען וויין
און זיך ניט צורירן צו מתים".

און דאָס איז אַלץ. וואָס האָט א ווערט
צו זיין א נזיר און א גבור?
טאַ זיינען אידן אויף דער ערד
דורכאויס גבורים... גאָט דו ליבער!

מען עסט קיין פלייש די גאַנצע וואָך,
וויין טרינקט מען נאָר צו ארבע־כוסות,
די פאות וואַקסן לאָזט מען דאָך
פון שלום־זכר ביז צום גוסס...

יא, אמת — ברידער — איינס נאר פעלט
צו הלכת־נזיר: כמה יאָרן
אז אידן זיינען אף דער וועלט
כמעט ווי מתים שוין געוואָרן...

די לאָקשנבּרעט.

(א סוכות־מעשה׳לע)

יום־כפור, דאנקען גאָט, אוועק
דערלעבּט, געטרייע ברידער,
אויס וויינען, זיפצן גאנצע טעג —
מען זיצט אין סוכה ווידער;

מען זיצט באדעקט מיט גרינעם סכך
אין רוע און אין פריידן...
דער לולב שיינט, דער אתרוג שמעקט —
א ריח פון גן־עדן!..

מען לעבּט, מען פרייט זיך, מען קוועלט־אַן
ווי קינדער אין די וויגן...
אי, אי, ווי גוט איז מצות טאָן —
בפרט מיט פארגעניגן.

עס קומען אבער פאר אמאָל
דערביי אזוינע זאכן,
וואס ממש, כ׳זאג אייך, גרויס און קליין
אן כחות בלייבן פון לאכן.

פארמאָרף דעם קאָפּ און קייקל זיך
און האלט זיך בא די זייטן...
די מעשה איז געווען בא אונז
אין שמוינעווקע פארצייטן.

איר מעגט עס הערן: משה־בער,
א בעל־הבית אין שטעטל,
האט פלייסיק צו דער סוכה זיך
גענומען; וואו א ברעטל,

א מיר א לאדן — אלץ געשלעפט
צום בנין, אלץ גענומען;
די מולטער מיט דער לאקשנברעט
איז אויך צונויף געקומען;

אלץ פיין און ריכטיק צוגעפאסט, —
די לאקשנברעט באזונדער:
א גאנצע לאך פארשטעלט מיט איר...
א סוכה גאר א וואונדער!

אי הויך, אי ברייט, אי גרויס, כאטש טאנץ
כאטש דאוון מיט א מנין;
פאר בראָדסקן און פאר גינצבורגן
אן אויסגעטאקטער בנין.

און דאנקען גאט, דערלעבט די צייט —
מ'איז פון שול געקומען
און צו די יום־טוב'דיקע פיש
מיט חשק זיך גענומען.

—„אי, העכט מיט כריין! איך זאג אייך. נעמט
די ביטערסטע טריפ'ניאקעס,
וואס עסן חזיר אפן פוד
און קוויקן זיך מיט ראַקעס

און ווילן נים (א מכה זיי!)
א וואָרט פון אידן הערן,
נעמט זאגט זיי: „פיש מיט כריין“ — איז רעכט
כאטש די כפרה ווערן“!...

אזוי האט אונזער משה־בער
גערדרש׳נט זיך בנעימות
און נאך די לאקשן ברייט און פיין
גענומען זיך צום צימעס.

נאר דא, אין מיטנדרינען... גוואלד,
וואס איז דאס? גאט דו ליבער!
די סוכה טרעסטשעט, הודיעט זיך
און ציטערט ווי פון פיבער...

עס טוט א קרעכץ, א קנאק און... טררראך!
אוים סוכה!.. וואונדער, כ׳לעבן,
וואס ניט דער׳הרג׳ט... יא, ארוים
נאר טאקע מיטן לעבן:

בא משה־בערן איז א האנט
צעבראכן, בא נחמה׳ן
א פוס, בא רבקה׳לן פארקלעמט
דאס בייכל... ווײ דער מאמען!

בא יאסעלן צעהאקט א ליפ,
נחמנ׳קן צעריסן
א באק, און חוץ דעם נאך די צונג
א האלבע אפגעביסן.

פון ציין און נעזער רעדט מען ניט...
איר פרעגט: וואס איז די סבה?
ווער האט דאס אלץ דא אנגעמאכט?
א חזיר, מיינע ליבע!

דעם שכנ׳ס חזיר איז פארבײ
געגאנגען פונ׳ם שפאציר
און בא דער סוכה אפגעשטעלט
א קראץ זיך טאן... נו, קראצט ער

פאמעלעך, וואלט קיין אומגליק זיין...
איז ניין, ס'איז אים ניט ניחה,
מיט אלע כחות אנגעשפּאַרט
ווי מיט א מין רציחה.

און דוקא אן דער לאקשנברעט!..
א תל פון אלץ געווארן...
נו, היינט דעם מנהג ווייסט איר דאך
פון יענע אלטע יארן:

נעטראפן וואס ניט איז אין שטאט —
איז גייט מען צום קווארטאַלניע.
מען בעט אים ער זאל משפּטן,
ווי ס'רעדט זיך, גאנץ פאַרמאלניע.

אין שול אפילו האט מען שוין
גערעשט: ס'דארף דער שכן
פאר אלץ באצאָלן, — הערסטו, ווי דען?
זיין חזיר האט צעבראכן!

נאר דער קווארטאלניע איז געווען
א חכם עתיק: „—אמת,
האט ער געזאגט, א הזיק, יא:
די שולד איז אבער וועמעס?

דעם חזיר'ס? ניין: א גראבע זאך
יא, אבער ווייטער — גאָרנים:
עס בייסט אים, נעבעך, קראצט ער זיך;
וואו שטייט עס, אז מען טאר ניט?

ניין, שולדיק איז די לאקשנברעט:
נאך וואס איז זי געפאלן?
כ'חיים, אף א פרעמדע קעשענע
איז יעדערער א בעלן.

נאר איר באקלערט די זאך אליין
גאנץ רואיק און געדולדיק —,
א יאָז דער חזיר איז גערעכט,
די לאָקשנברעט איז שולדיק!"

דער פריילעכער קבצן.

(א מאנאלאג)

אז גאט אף אונזער װעלטעלע
האט אלץ ארום באשאפן —
דעם רייכן און דעם אָרימען,
דעם שטארקן און דעם שלאפן,

א האָז, א העכט, א טייטלבוים
א קאזאק מיט א פיקע,
א רב, א ציג, א װיזלטיר,
א חזן א זאיקע, —

האט פונ'ם קװאל דעם הייליקן
געבראכט צום בורא-עולם
א מלאך מיין נשמה'לע,
נאך פון דעם גוף דעם גולם

אַ פרייע, ניט פארקװיטיקטע
פון תאװות, יצר-הרע,
און װי דאס מארגנשטערנדל
א ליכטיקע, א קלאָרע,

און פרעגט: „—מיט װאס באפעלסטו מיר
די טפה-סרוחה בענטשן?
עס זיינען אף דער װעלט שױן דאָ
פון כל המינים מענטשן —

אי פרומע, אי חזר'ניקעס,
דאקטוירים און רבנים,
גלאט מענטשן, מענטשן אײדעלע
נגידים און קבצנים.

טא וואס זאל זיין דאס מענטשעלע?
גיב גאטעניו, מיר שכל"...
—„א קבצן, — האט דער איבערשטער
געענטפערט מיט א שמײכל, —

א קבצן, נאָר א פרײלעכער!
זאל זיין מיט אלץ צופרידן,
און דאס איז דאך, פארשטייסטו מיך,
א זעלטענעס בא אידן"...

און אט־א בין איך, ברידערלעך!
באקוקט מיך דא אינגאנצן:
פריש, פרײלעך, פריי און לעבעדיק;
שפילט כלי־זמר — גיי איך טאנצן!

וואס איז די שמחה — פרעגט איר מיך?
למשל, נעמט מיין דירה:
א נעסטעלע, א וויגעלע,
עס איז צו זינגען שירה.

די גבירים אין די פאלאצן —
א מאָדע הײנט געוואָרן,
גיי, וויים איך, קריך, קאראבקע זיך
אין דריטן, פירטן גארן.

וואס טויגן מיר דער מירמלשטיין,
דאס שפיגלען זיך און גלאנצן —
מען בלייבט אן פיס! נײן, אט בא מיר
פינף טרעפלעך גאר אינגאנצן.

און גלייך אראפּ, פאַרשטייט איר מיך,
אין קעלער־שטאָק — א חיות! —
מען שטעלט א פּוס — אי נאַס, אי גלאַט,
עס גליטשט אראפּ אן שהיות!...

די גבירים, כ׳וויים, מען דאָקטאָרט זיך,
מען היט זיך, מען האָט מורא
פאַר היץ, פאַר קעלט, עס גיסט זיך אויס
אף זיי א מרה שחורה,

מען לעקט, מען טאַפּט צו אויסזוכן
א תרופה אין די ביכער
דאָס לעבן צו פאַרלייננגערן,
איך, דאַנקען־גאָט, בין זיכער —

א יונגער שטאַרבן קאָן איך ניט,
ווייל נאָך אין יענע יאָרן,
וואָס יוגנט רופט מען, בין איך שוין
אי אַלט, אי גרוי געוואָרן...

היינט נעמט, למשל, עסנוואַרג, —
וואַרטוטלעך, קניזשעס, טאַרטן,
געבּראָטנס, קעזלעך, זעמעלעך
און צימעס כל הסאַרטן, —

נגידים זיינען אויסטראַכטער,
ס׳איז פּשוט א ליצנות
זיין שטה האָט זיך יעדערער,
מען עסט מיט גרוים הכנות!

וועך פלייִשיקס און וועך מילכיקס גאָר,
דער — קרעפּלעך, יענער — פּראַקעס,
איך, דאַנקען־גאָט, בין פּאַרעווע —
איך עס כל ימי מכות!..

דאס נעמלעכע כא אונזערע
נגידים וועגן בגדים:
מען פוצט זיך און מען מאָדעט זיך —
א פאדים צו א פרים.

מען היט זיך, ס'זאל א ווינטעלע
א בלאָז ניט טאָן חלילה
אפילו אין א זומער־נאכט,
א וואָרימע, א שטילע.

דאך נייט מען אף יום־טובים נאר
א בגדי'ל א נייעם;
אזוי איז פון פארצייטן שוין
דער מנהג דא עד היום.

עס נארישקייט, א אינגעלע,
א קדיש האב איך (איינער
און מיידלעך זעקס) און עופעלע,
אין גאנצן הויט און ביינער;

איז מיינט איר וואס? אוי—אוי, אבי
לאנג לעבן זאל דער טאטע!—
ער לייגט אים יעדן דאנערשטיק
א נייע, פרישע לאטע!..

פון וואנען נעמט זיך, פרעגט איר מיך:
די קראפט אין מיינע גלידער,
די פרישקייט און די פריילעכקייט
פון מזל, ליבע ברידער!

אז גאט גיט מזל, האבן ניט
קיין שליטה דיינע שונאים...
איר זעט אף מיר די נייאינקע,
די פרישינקע סמנים!

צעהאקט א ליפ, צעפלאצט די נאז,
א פנים — א קארטינקע...
דערפאר צעבראכן, דאנקען גאט,
איין האנט נאר — און די לינקע!!.

פרייהייטס און יום־טוב לידער.

די תפלה·

צו דיר, א, פרייהיים! ריינער קוואל
פון פריידן ליכטיקע און שטילע,
פליט אונזער ליד, פון טרערן מיד,
פאר דיר צעגיסט זיך אונזער תפלה:

קום, ליבע, טרייע, קום צו אונז!
און ווי די שארפע פייל פון בויגן
וועט טאן א שלאג דיין העלער טאג
אין די תלינים׳ס בייזע אויגן.

ווי אייזן הארט און שווער ווי בליי,
וועט זיי דיין פרישעם ווינטל דריקן,
א מוים־שטראף זיין וועט זיי דיין שיין,
דיין ריינע לופט וועט זיי דערשטיקן.

צו דיר, א, פרייהייט! קלארער קוואל
פון פריידן ליכטיקע און שטילע,
פליט אונזער ליד, פון צארן מיד,
אין פלאמען גיסט זיך אונזער תפלה...

ס׳איז צייט!

אין רוסלאנד איז יום־טוב: עס גרייט זיך, עס גייט
דאָס לאנד צו אַ לעבן אַ נייעס;
עס קלינגען די גלעקער אין קלויסטער מיט פרייד—
מען פייערט „יציאת מצרים״.
עס קלינגען די גלעקער, זיי וועקן אי מוט,
און גלויבן אין קריסטלעכן הארצן —
און שטראָמענווייז גיסט זיך דאס אידישע בלוט
אין אפגרונט אין קאלטן און שווארצן!...
עס שוועבט אין אַ ריינער און ליכטיקער פלוט
דער ענגל פון פרייהייט און פרידן —
און טייכנווייז גיסט זיך דאס אידישע בלוט...
ניטאָ קיין רחמנות פאר אידן!
ניטא קיין רחמנות, קיין גלויבן, קיין נאָט!
דעם טויט איז די פרייהייט געגעבן, —
דער אידישער נאמען — צו שאנד און צו שפאט
און הפקר דאָס אידישע לעבן!...

— — — — — — — — — —

חברים און ברידער! די פינסטערע צייט
פון קלאג און געבעט איז אריבער;
געקומען די צייט
צו פאלן אין שטרייט,
נאָר פאלן — ווי שמשון הגבור!...
ניט „נאענט״, ניט „פרעמר״ און ניט „אייגן״;
איין אומגליק — איין מיטל; איין שונא אין שטרייט!
געקומען די צייט,
געקומען די צייט
זיין אייזערנעם נאקן צו בויגן!

אײן כװאַליע פֿון צאָרן זאָל זידן, אײן שטראָם
זאָל פֿליסן אין אונזער נשמה...
אײן קבר, אײן יתום, אײן גואל־הדם,
אײן הײליקע, גרױסע נקמה!..
חברים און ברידער! די פֿינסטערע צײַט
פֿון קלאָג און געבעט איז אַריבער;
געקומען די צײַט,
צו פֿאַלן אין שטרײַט,
נאָר פֿאַלן — װי שמשון הגבור!...

נײַ־יאָר.

חדש ימינו כקדם.

נײַ־יאָר! — שפּיל, מײַן אַלטע פֿידל:
שפּיל אַ נײַ, אַ פֿרײלעך לידל,
זינג אַ נײַעם, זיסן שיר —
דײַנע סטרונעס זאָלן קלינגען;
אַלע הערצער זאָלן זינגען,
זינגען, פֿרײען זיך מיט דיר!...
און די פֿידל ענטפֿערט מיר:
— „אױף אַ בױם בײַם טײַך פֿון בבל
בין געהאַנגען איך אַמאָל,
און נאָר קלאָגן װי אָן אבל
קאָן פֿון דעמאָלט־אָן מײַן קול...
נײן, איך האָב קײן נײַע לידער,
אַלטע קען איך, ליבע ברידער!
דאָרט, בײַם גרױסן אַלטן טײַך
האָב איך זײ געהערט פֿאַרצײַטן
און אױף אַלע נײַע צײַטן
אײנס נאָר װינשן װעל איך אײַך:
מיט זײַן ליבע, מיט זײַן טרײַהײַט

זאל גאָט שײנקען אײך צוריק
אײער אלטע קראַפט און פרײהײט
אײער אלטעס גליק!"...

א ביסעלע װײניקער צרות!...

רבונו של עולם! מיט האפנונג און פורכט,
געקניט און דעם נאַקן געבױגן,
טום שטײן דײן ארימער, עלנדער קנעכט
פאר דײנע לײטזעליקע אױגן.

רבונו של עולם! פארנעם פון דער הױך
מײן ביטערן קלאג און מײן ברומען;
טו נײגן דײן אױער צו מיר, װײל איך בין
צו דיר אין א שליחות געקומען:

געשיקט האט מיך, גאַטעניו — פאטער, צו דיר
דײן זון, דײן בן־יחיד ישראל׳יק,
מיט װעלכן דו לערנסט שױן צװײ טױזנט יאר
פירושים אף סדרה בלק...

„— גײ! — האט ער געזאגט — גײ! דו ביסט
דאך בא אונז
א שארפער בעל־דברן, א דיכטער;
דו שרײסט דאך, אז מיר אלע שלאפן פארשװעכט
דו אײנער ביסט װאך און ביסט ניכטער:

„—טא גײ־זשע און ברײנג אונז צום נײעם יאר איצט
אױ, גאטעניו! גיב מיר זכרון:
איך האב דיר אזױ פיל בקשות געבראכט,
אז איך בין צעטומלט געװארן.

עס קלאפט װי אין קעסל־פויק, דונערט און בליצט,
עס ציטערט די ערד װי פון פיבער,

עס בלאזן די שופרות, עס פאלן די ווענט —
מיר דאכט זיך — די וועלט קערט זיך איבער...

און וואס איז דאס. ווייסט איר? — סך־הכל, הקול
קול יעקב — א קרעכץ פון א חלוש...
דאס טענה׳ן מיט גאט, מיט דעם האר פון דער וועלט
דריטהאלבן מנינים אין פאלעש.

עס הערן זיך קולות ארום און ארום —
זיי קענען א טויטן דערשרעקן;
רב ברוך בעט דאס, און רב זרח בעט יענס —
עס הודיעט פון אלע פיר עקן...

רבונו של עולם! דו זעסט דאך מיין הארץ —
איך דין דיך מיט יראה און אהבה;
טא שטראף־זשע מיך ניט פאר די זינדיקע רייד:
א, האפטו א פאלק א טשיקאווע!

רב איצן איז קאלט, און רב פיצן איז הייס;
היינט וואו איז רב שמערל, רב יואליק?
„גיי, ברייננ!״ — און אן עק, איך האט בא נאט
דאך איינגעלייגט פשוט א חלק.

ווי הייסט? יעדער איד שאבט נאר אפ פון זיין גוף
דאס ביסעלע גשמיות — שימל —
א בן־מלך זיצט דאך פארבארגן אין אים,
ער האלט אן ארענדע אין הימל.

ער בעט—נאר אויס איידלקייט, מחמת, עס איז...
פארשטייט איר? — עס פאסט ניט באונס...
אין תוך אבער--קומט מאקע, קומט אים פון גאט —
ער האט מיט אים אלטע חשבונות...

היינט פרעגט זיך א קשיא: פאר וואס זשע זאל נאט
פאר אידישע קינדער נים מאכן

א מופת, א נס, עס זאל ווערן בא זיי
אט כאטש־בי די דאזיקע זאכן:

למשל: א טייכל מיט ראזינקע־וויין
אף פסח'דיקע אירבע־כוסות;
א גאַרטן מיט כרפס, מיט מרור א וואלד,
א גאנצע פאבריק מיט חרסת.

א כאזשעלקע וואסער, אין וועלכע (אנשטאט
די טמא און טרפה'נע זשאבעס)
עס זאלן ארומשווימען קארפן און העכט,
און טאקע געפילטע — אף שבת...

דערצו נאך א ברונען מיט דריי־פראכנע י"ש,
בכיון אף קידוש צו מאכן,
א פעלד מיט געווירץ אף הבדלה... וואס איז?
דאס זיינען דאך אידישע זאכן.

קרויט, בוראקעס וואקסן דאך וואו נאר א דארף,
פארוואס־זשע זאל דארטן, אן ערך,
א איר נאך א לולב זיך שלעפן — איך וויים! —
אין בויבריק, אין גושן... א דרך!

אין וואלד — פיצעריצעס מיט ווייַנפערלעך — כ'וויים!
ווער דארף דאס? עס טויג אף כפרות!
און קריגן אן אתרוג — איז, גיי נאר אקארשט —
הוצאות, אי טרחה, אי צרות!...

א מצוה טאן? אך, וועלכער איד זאגט זיך אפ?
פריטיי איז דאס פארט נים קיין יושר:
טום מצות ווי באב און בא אידן בלייבט פארט
אף טויזנט קבצנים איין עושר.

רבונו של עולם! אוי האסטו א פאלק!...
נאר שטראף מיך נים, — טיף איינגעבויגן

טומ שטיין דיין אָרימער, עלנדער קנעכט
פאר דיינע לייטזעליקע אויגן.

איך בעט ניט קיין נסים, פאַרלאַנג ניט פון דיר
קיין מופתים פון דיין יד־החזקה,
איך ווייס דאָך — אין סאדעגור איז שוין פון לאנג
געבליבן אף דעם די חזקה...

ניין, זאל זיך דיין וועלטעלע גיין ווי עס גייט;
מען דארף זיך נאָך נסים ניט יאָגן:
דו, גאָט, ביסט גערעכט און דיין משפט איז רעכט,—
איך וועל דיר קיין דעות ניט זאָגן.

איינס בעט איך בא דיר, בארמהארציקער גאָט! —
טו זעליגן אונז מיט דיין פרידן;
באשיץ און באהיט שוין פון שאנד און פון שפּאָט
דיין עלנדעס, ביסעלע אידן;

גענוג שוין, רבונו של עולם, גענוג
מיט יענקב׳ן שלאָגן כפרות...
אוי, גאָטעניו! נחת א ביסעלע מער,
א ביסעלע ווייניקער צרות!...

דער חשבון.

די אלטע הגדה ליגט אפן. א בלאט
א גאנצע (איך לייען זי גערן)...
א חשבון א קלארער מיט דרוש און מיט פשט
פון מכות, וואס פרעה האט נעבעך געהאט.
אי, מכות! באהיט זאל מען ווערן!
דער חשבון בא רבי עקיבא איז קלאר:
צוויי הונדערט מיט פופציק! א קלייניקייט גאר!
מ׳קאָן שוין מיט דעם אי דעם גיהנום פארשפארן...

איך לייען די אלטע הגדה און טראכט:
„רבונו של עולם, ווי גרויס איז דיין מאכט
און שרעקלעך אף אונזערע שונאים דיין צארן!”...

———

נאר וואס איז דאס? וועמעס געלעכטער באנאכט
דערהער איך?... ער גיסט זיך מיט ביטערע טרערן...
„—אוי, אידישע קינדער, דער חשבון זאל ווערן
נאך קלארער, בארעכנט די אומגליקן, שלעק,
די בלוטיקע מכות, די ביטערע צרות,
וואס גאט האט געשאטן אף אונז אן אן עק,
און ניט אף די ימים, און ניט אין מדבריות
און וועלדער, וואו וויסט איז אי פינסטער, אי איינג,
אי אוממעגלעך וואסער א טראפן באקומען —
באנעצן די ליפן, באפרישן דעם גומען;
ניט דארט, וואו עס קריכן די גיפטיקע שליינג,
ניט דארט, וואו די היות די שרעקלעכע ברומען...

. . . .

———

גרויס, גרויס, איז דער חשבון, אן מאס און אן צאל,
די ציפער געשריבן מיט פייער און שטאל,
מיט קייטן די שורות געקאָוועט, אין וואונדן,
אין בלוטיקע וואונדן די בלעטער געבונדן,
און טיף ווי דער אָפגרונט און שווארץ ווי די נאכט
איז דארט אפן טאוול די אופשריפט געמאכט, —
— אן ווערטער געקריצט און אן פעדער געשריבן, —
די מכה, וואס אונז איז פון פרעה געבליבן:
דער חשך!.. אוי, ברידער, איר זעט
אן רבי יהודה'ס סימנים,
ווי שרעקלעך, ווי ברייט
צעגאסן, צעשפרייט,
ער ליגט אפן אידישן פנים?!...

———

יא, גרויס חי די וועלט איז דער חשך! — און דאך
מיר לעבן נאך, ברידער, מיר ציען זיך נאך
פון שמוץ און פון שימל,
פון שלאפקייט און דרימל,
פון הונגער און קעלט
צום ליכטיקן הימל,
צום גליק אף דער וועלט!..

ארבע כוסות.

דער גרויער ווינטער איז אוועק,
דער יונגער פרילינג איז געקומען...
צינד אָן די ליכט פון עק ביז עק,
באקראנץ דעם טיש מיט פרישע בלומען!
דריי שענסטע רויזן, העל און פיין,
קלייב אויס, מיין קינד, און שטעק אריין
אין מרור, כרפס און חרוסת
און מיט דעם ריינסטן, בעסטן וויין
גיס אָן ביז פול די ארבע כוסות!

מיט פרייד און ליבע אָן א מאָס,
מיט הייסן גלויבן, טיפע טרייהייט
הויב אוף, מיין קינד, דעם ערשטן כוס
פאר אונזער אלטע, זיסע פ ר יי ה יי ט! —
אין ים־סוף ליגט די שווערע קייט,
דער קנעכטשאפט־יאך פון לאנד מצרים...
א גאנצע אייביקייט פארגייט —
און יעדן יאר וואכט אוף און שטייט
דער גרויסער נס פאר אונז עד היום..

דעם צווייטן כוס הויב אוף, מיין קינד,
לכבוד אונזער אלטע ת ו ר ה —

די ליבע, איינציקע מנורה,
וואס פלעגט אין גרעסטן שטורם־ווינט
אין האגל, פינסטערניש און רעגן
פארהיילן אונזער לייד און פיין —
פארגיסן ווארימקייט און שיין
פאר אונז אף אלע ווּסטע וועגן...

דעם דריטן כוס נעם, קינד, אין האנט
און הויב אים אוף ווי א זכרון
פון אונזער אלטן פ א ט ע ר ל א נ ד,
פון יענע טעג, פון יענע יארן,
ווען אונזער פאלק האט אף דער וועלט
געהאט א היים, אין רו געזעסן
און פון זיין אייגן, פרייען פעלד
אן אייגן שטיקל ברויט געגעסן...

דעם לעצטן, פירטן כוס גיס אן
און טרינק, מיין קינד, — לחיים, ברידער,
פאר אונזער נייע פ ר יי ה יי ט ס ־ פ א ן,
זי זאל אין וועג אונז פירן ווידער
צו אונזער ליבן פאטע־לאנד:
מיר זאלן, פריי פון לייד און שאנד,
דעם לאנגן גלות דארט פארגעסן,
ניט וויסן מער פון שרעק און נויט
און ווידער אונזער אייגן ברויט
פון אונזער פעלד אין נחת עסן!...

שמחת תורה.

„שמחת תורה — האפעניו!
מיטן פוס א קלאפעניו,
מיטן צונג א קנאקעלע —
און אין הארץ—א מכה׳לע״...
(אן אלט פאלקס-לידל)

פרײלעך און פריש
זעצט זיך צום טיש,
מאכט סעודת־מלך,
קװיקט זיך און טרינקט,
אידעלעך, זינגט
לעבעדיק, פרײלעך!
אן װאג און אן מאס
א כוס נאך א כוס —
האט ניט קײן מורא,
קװיקט זיך און טרינקט,
אידעלעך, זינגט
לכבוד התורה!..

* *
*

אך, אידישע שמחה׳ס
און אידישע לידער!
זאגט, זאגט מיר, איך בעט אײך,
דערקלערט דאס מיר, ברידער?
פארװאס װערט פון זײ אזױ שװער?
דאס הארץ װערט פארקלעמט,
דער קאפ װערט געבױגן,
און אפט גאר ניט װילנדיק
טריפט אין די אױגן
א הײסע, א ביטערע טרער?!..
פיל מאל האט דאס גליק אונז
זײן פנים געװיזן

די זון פון נצחון
גע שײַנט און געבליצט;
מיר זײַנען געװעזן
שטאַרק װי די ריזן —
און דאָך, ברידער, האָבן
מיר נאָך ביז איצט
קײן אײנציקן יום־טוב
װאָס זאָל ניט דערמאָנען
אָף אונזערע אַלטע,
צעריסענע פאָנען,
אָף אונזער צעבראָכענעם שװערד;
אָף יענע גבורים,
װאָס זײַנען געשטאָרבן,
אָף יענע מזבחות,
װאָס ליגן פאַרדאָרבן,
צעשטױסן, צעשפּרײט אָף דער ערד;
קײן ליד, װאָס זאָל האָבן
צװײ פרײלעכע װערטער,
צװײ ליכטיקע װערטער,
װאָס זאָל זיך אין זײ
ניט הערן קײן ביטערער
בײזער געלעכטער,
פון שאַנד און פון װײטאָג
קײן װילדעס געשרײ...

* * *

גרױסער, ליבער יום־טוב, שמחת־תּורה!
הױך און ליכטיק שײַנט דײַן העלער שטערן.
פאַר אַזעלכן יום־טוב, כאָטש פאַר אײנעם,
איז כדאי צו פאַסטן צען תּעניתים...

גלות־ און ציון־לידער.

צו מיינע לעזער.

ברידער מיינע, ליבע ברידער!
פול מיט לייד און שאַנד —
זינג איך ווייטער מיינע לידער
פון אַ ווייטן לאַנד.

פון אַ געגנט, וואו דער הימל
רעגנט קלאָג און לייד;
און אַ טיפער, שווארצער דרימל
ליגט אַף אַלץ פאַרשפּרייט.

בעט פון מיר קיין זיסע שטימען,
בעט קיין פרייעס ליד:
אף מיין פידל ליגט דער סימן
מיטן שטעמפּל „איד!"

אוי, דאס איז אַ טיפע חתימה
אף מיין קראַנקעס האַרץ,
און עס גיסט זיך פון מיין שטימע
נאָר געוויין און שמאַרץ!..

זאמד און שטערן.

עס שיינט די לבנה; עס גלענצן די שטערן;
די נאַכט שוועבט אַף בערג און אַף טאָל...
דאָס אַלטיטשקע ביכעלע ליגט פאַר מיר אָפן,
איך לייען עס, לייען עס טויזנטער מאל.

איך לייען די הייליקע, טייערע ווערטער,
מיר הערט זיך א שטימע: „איך שווער —
מיין פאָלק, דו וועסט זיין ווי די שטערן אין הימל,
ווי זאַמד אַפן ברעג פונ׳ם מער...״

רבנו של עולם! עס ווערט ניט פארפאלן
פון דיינע הבטחות קיין איינציקעס ווארט:
מקוים מוז ווערן דיין הייליקער ווילן,
אלץ קומט אין זיין צייט, אף זיין אָרט.

און איינס איז שוין טאַקע מקוים געוואָרן —
דאס פיל איך, דאָס וויים איך געוויס:
מיר זיינען געוואָרן ווי זאַמד, וואָס איז הפקר,
וואָס יעדערער טרעט מיט די פיס...

יא, גאטעניו, אמת, ווי זאַמד און ווי שטיינער,
צעשפרייט און צעווארפן אַף שאַנד און אַף שפּאָט...
נו, אָבער די שטערן, די ליכטיקע, קלאָרע —
די שטערן, די שטערן — וואו זיינען זיי, גאָט?!...

שווער צו זינגען.

לידער דורכגעגליט פון צאָרן,
לידער אנגעזאפט מיט פיין;
אויסגעלאָשן איז געוואָרן
זייער היץ און זייער שיין.

עלנד קינד מיינס! שווער צו זינגען
ווען עס גייט די שטורם־נאַכט,
ווען די שווערע קייטן קלינגען
און דער בייזער תלין לאַכט!...

זעסט? א שווארצע קברות־גאָרטן
האט באפלאנצט אי בארג, אי טאל:

ניט קיין בוימער וואקסן דאָרטן —
תליות, תליות אָן א צאָל...

קינד מיינס, קינד מיינס! שווער צו זינגען
ווען עס רווישט די שטורם-נאכט,
ווען, ווי גלעקער, קייטן קלינגען,
און דער בייזער תלין לאכט!...

ס'ברענט און פלאמט דאס הארץ פון צאָרן—
און דעם פלאם פארלעשט דער ווינט,
ווי א שפינוועבס — פון א דארן
פלאצט די סטרונע... עלנד קינד.

יתום מיינער! שווער צו זינגען
ווען עס רווישט די שטורם-נאכט,
ווען די קייטן קלינגען, קלינגען,
און דער תלין — לאכט און לאכט!...

אַ חדר־מעשה.

I.

זיבן יאר איז מיר געוואָרן —
און די מאמע, זאָל געזונט זיין,
האָט געזאָגט: „נו, צייט אין חדר,
צייט אין חדר גיין, מיין קינד,

אויס, א סוף, גענוג געהוליעט
אף דער וועלט, ארומגעפלויגן
פריי און גליקלעך, ווי א פויגל,
פריש און פריילעך ווי דער ווינט;

צייט אין חדר — קדיש מיינער!״ —
און אברהם'ל דער באהעלפער —

KORPORATSIOON LIMUVIA TARTU.

פון די חדר — קאנטאניסטן
דער באַרימטער קאָמאנדיר —

האָט מיך איינגעהילט, פאַרוויקלט
אין אן אלטן, געלן טלית
(אונזער אלטע אוניפאָרם,
אונזער אידישע מונדיר)

און אוועק מיט מיר אין חדר.
ס'איז געווען א וואונדער־שיינער,
פרישער, ליכטיקער פרי־מאָרגן,
שיין און ליכטיק, ריין און פריש —

האָבן שטראַלן זיך געגאָסן
דורכן פענסטערל אין חדר
און געפונקלט אפן רבי'ן,
אפן סידור, אפן טיש.

און עס האָט זיך אָנגעהויבן
דער עקזאמען: „—זאָג נאר, בחור,
וואס איז דאס? „—אן אלף". „ריכטיק,
דאס?"—„א היי". „— און דאָס?"—„א תו".

און בא יעדן אות, פאר יעדן
ענטפער, פאלן מיר פון אויבן
לעקעך, ראזינקעס, קאָנפעקטן,
נים און מאנדלען אן א סוף.

און דער רבי, רב בנימין
(זאל א ליכטיקן גן־עדן
האָבן) זאגט: „דו זעסט? דאס ווארפן
דיר מלאכים, ליבעס קינד.

זאלסט מיט חשק לערנען תורה,
לערנען תורה, לערנען חכמה,

און געדיינק, מיין קינד, ווער ס וויל ניט
לערנען, בלייבט אף אויביק בלינד"...

II.

טעג און יארן, לאנגע יארן
זיינען שוין אוועק פון דעמאלט...
איך געדיינק דעם רבי'ס ווערטער,
איך געדיינק זיי גוט און קלאר:

„לערנען תורה, לערנען חכמה;
בלינד איז דער, וואס וויל ניט לערנען"...
אמת, רבי, אמת; אבער —
ווילדע זאכן קומען פאר,

שרעקלעך — ווילדע, און זיי ברענען,
שטעכן, עקבערן מיין מוח...
איצט, ווען לערנען איז מיין חיות,
לופט און ווארימקייט פאר מיר,

ליכט און קראפט און טרייסט אין לעבן,
אין מיין ביטערן, פארסמ'טן
שקלאפן-לעבן, — איצט פארשליסט זיך,
האקט זיך צו פאר מיר די טיר,

לעשט זיך אויס דאס לעצטע לעמפל,
און עס הויבן אן צו פאלן
אן א צאל פון אלע זייטן,
פאלן, שיטן זיך ווי באב

שטיינער, שטיינער!... גרויסע, שווערע
שטיינער שיטן זיך און פאלן
אף מיין ברוסט, אין מיינע אויגן,
אף מיין אלטן, גרויען קאפ...

און זיי פליען און זיי פאלן
ווי א האגל אף די שוואכע,
גרינע זאנגען, ווי א האגל
אן א צאל און אן א מאס...

וואס-זשע אז דאס? וואס באטייט עס?
איז דען מענלעך, אז מלאכים
זאלן שטיינער וואַרפן?!... רבי!
רבי! ווי געשיקט זיך דאס?...

נאר ניטא, ניטא קיין ענטפער,
וואלקנס שוועבן אפן הימל,
טייכן פליסן, ווינטן רוישן —
און קיין איינציק, איינציק ווארט

הערט זיך מיר ניט אין דער פינסטער...
אוי, ניטא, ניטא קיין ענטפער
פון דעם רבי'ס שטומען קבר,
פון דעם אלטן הייליק ארט!..

צוויי טראיקעס.

א.

דער שניי איז געגאנגען צוויי טעג נאכאנאנד,
א שליט-וועג א חיות געווארן,
די פערדלעך שטייען אין שליטן געשפאנט,
אלץ גרייט שוין און פארטיק צום פארן.

אי, פערדלעך חיות! נו, זעץ זיך און פאר! —
מיט צאצקעס געטאקט איז דער שליטן,
צוויי פערד פון די זייטן — ווי הירשן א פאר,
א לעמפערט, א לייב אין דערמיטן.

דער קוטשער נעמט באלד אלע לייצן אין האנט:
—„נו, קינדערלעך, לעבעדיק, פרײלעך!"
דעם שליטן כאפט אוף מיט אמאל ווי א בראנד...
— שטיי, אײל זיך ניט, ווארט־ווארט, פּאַמעלעך!

נײן, ברודער, אומזיסט! ווי א פויגל, א ווינט,
א פייל פונ׳ם בויגן, א וויכער,
זיי לויפן, זיי שוועבן, — זיי פליען, געשווינד,
וואס ווייטער — אלץ גיכער און גיכער.

דער וועג איז אין פעלד ווי א לאקשנברעט גלאט,
די זון שיינט פון אלע פיר זייטן,
דער קוטשער—א מזיק, די פערדעלעך—זאט.
די גלעקלעך קלינגען פון ווייטן.

פארט, פריצים, קאטאיעט זיך, — גליקלעכע טעג!..
נאר ווארט נאר, וואס איז דאס? פּאָסטאָי־קאַ!
ווער קריכט דאס דארט? אַי! אַי! אראפּ פונ׳ם וועג!!...
— דאס שלעפּט זיך די אידישע טראיקא...

ב.

א וואגן — א פאלאץ! — די בויד איז געוועבט
פון גאנצע תרי"ג אלטע שטיקלעך,
די אַקסן מיט וואקס פון הבדלה געקלעפּט,
די רעדער געבונדן מיט שטריקלעך.

דריי קליאטשעס — דריי אדלערס! דריי לייבן א שרעק!—
זיי שפרינגען, נו טאקע ווי זשאבעס...
ישראל׳יק פארט, פארט און פארט אָן אַן עק,
אהיים צו פּאַספּייען אף שבת...

א היים... אוי, ווי ווייט נאך, ווי ווייט איז זיין היים,
ווי שווער, נעבעך, איז די נסיעה:
עס זינקען די רעדער אין שמוץ און אין ליים,
כאטש טרייבט זיך, כאטש קריך אף דער תליה!

עס זינקען די רעדער, עס טרעסטשעט דער סבך,
די זאַוויעסקעס סקריפּן און קנאַקן;
אַט, אַט איז אַ גרוב, אַ פאַרזינקעניש — טראַך!
ער פליט און צעברעכט האַלז און אַקן..

נאָר האָט ניט קיין מורא: ישׂראל'יק איז קלאָר,
איז בקי אין הלכת־עגלה;
ער שלעפּט זיך דאָך שוין כמעט צוויי טויזנט יאָר,
דאָס איז דאָך פון אייביק זיין ראָלע...

ער שלעפּט זיך דורך פעלדער און וועלדער און ים,
ער בלאָנדזשעט אין סטעפּעס, מדבריות,
ער האָט שוין געפילט און ער ווייסט שוין דעם טעם
פון אַלערליי ביטערע צרות.

ער האָט שוין באַגעגנט אי ליבן, אי הינט,
אי לציִם, אי שליינג, אי גזלנים;
עס האָט ביזן בלוט אים געשמיסן דער ווינט
דער האַגל — געפּאַטשט אים אין פּנים.

עס איז אָבער גאָרניט געוואָרן פון דעם:
— בילט, כלבים, עד לב השמים!
זיין טראַיקעלע שלעפּט זיך נאָך, ברוך־השם,
ער לעבט נאָך און פאָרט נאָך עד היום.

פיל טראַיקעס געוואָרן שוין הינקעדיק, בלינד,
פיל גלעקלעך צעבראָכן, פיל בייטשן צעריסן,
עס איז שוין קיין זכר ניטאָ פון די הינט,
וואָס האָבן אַמאָל אים געביסן.

עס איז ניט געבליבן אפילו דער אָרט
פון טויזנט פּאַטשטמאַווע קוריערן און רייטער,
און זעט נאָר, ישׂראל'יקס טראַיקע — זי פאָרט
זי שלעפּט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער...

די אידישע טראַיקע — איר קענט זי, איר ווייסט?
מיר האָבן אף איר א חזקה...
די אלטיטשקע אידישע טראַיקע — זי הייסט:
ותשובה ותפלה וצדקה!...

דער פרילינג.

I.

דער פרילינג גייט מיט בליץ און דונער,
מיט העלע שפּראָלן, פרישע לופט...
איך הער א ליבע, זיסע שטימע —
זי קלינגט און לאכט, זי זינגט און רופט:

צו מיר, אין מיינע גרינע גערטנער,
אף מיינע פעלדער פריש און פריי;
דאָרט הערשט פון אויביק און ביז אויביק
דער ליבער, שיינער קעניג מאי!

ער גייט באַקראַנצט מיט פרישע רויזן,
באַשפּריצט מיט טוי, ער שיינט און בליט;
און גרינעס גראָז און בלומען וואַקסן
דאָרט וואו ער גייט אף יעדער טריט.

ניטאָ פאַר אים ניט רייך, ניט אָרעם,
ניטאָ פאַר אים ניט קליין, ניט גרויס
ניט קיין שטאַרקער, ניט קיין שלאַפער...
צו מיר—רופט ער — פאַראויס! פאַראויס!

צו מיר, צו מיר, איר קרומע רוקנס,
פאַרוויינטע אויגן, קראַנקעס הארץ!
איך וועל פאַריאָגן אייער טרויער,
איך וועל פאַרהיילן אייער שמאַרץ!

II.

אך, איך וויל און טאר ניט זינגען, —
וויינען, זיפצן מעג איך נאר...
ווייל איך בין, מיין קינד, אן אבל
שוין כמעט צוויי טויזנט יאָר.

* *
*

אלטע, אלטע קברים רינגלען
מיך ארום אף יעדן טריט —
און באקלאגן זיי אף אויביק,
און פארגעסן — קען איך ניט!...

אלטע בילדער, אלטע לידער,
אלטע שמארצן אן א צאל...
וויין מיין קינד, באגים מיט טרערן
פעלדר און גארטן, בארג און טאָל!

וויין, באגים מיט הייסע טרערן
יענע וויסטע, טויטע פעלדר,
וואו עס ליגט באגראָבן אונזער
אלטע האפנונג אף דער וועלט.

רייס צעגראב די אלטע קברים!
רוף ארויס פון זיי צוריק
אונזער אלטן מוט און גלויבן,
אונזער אלטן פרייד און גליק.

דער מאמעס קלאג.

אין שטויב און אין שמוץ
פארלארן איר גוטס,
פארלארן איר לעצטע נחמה...
פארטריקנט, פארבליט

און קוים וואס עס גליט,
עס האלט זיך אין איר די נשמה...

זי ליגט נעבן וועג...
עס ציען זיך טעג,
עס גייען חדשים און יארן,
זי טראכט אן א שיעור:
„—וואס איז דאס מיט דיר,
מיין זון, מיין בן־יחיד, געווארן?

אויב גוט איז דיר דארט,
דערמאן זיך דאך פארט,
ווי מיר איז באשערט זיך צו מיען,
דערמאן זיך, ווי לאנג
ליגט עלנד און קראנק
די אלטע אלמנה פון ציון!...

און אויב דיר איז שווער,
טא קום־זשע אהער,
קום קינד מיינס, אהיים, צו דיין מאמען:
צוזאמען אי פרייד
געניסן, אי לייד
און לעבן און שטארבן צוזאמען!..״

ציון.

חי וואלקן אין שטורם־ווינט, לויפן און פליען
אן אנפאנג, אן אופהער די שטונדן און טעג;
די אלטע אלמנה—די טאכטער פון ציון
זיצט טרויעריק, איינזאם באם וועג...

פיל רייזנדער פארן פארבײ איר און גייען,
זי חענדט זיך צו זיי מיט א ביטער געוויין:

אך, זאגט מיר, צי האט איר מיין קינד ניט געזעען,
מיין עלנדן יתום?... „—ניין, אלטיטשקע, ניין!"...

זיי גייען און רייטן
פון אלע פיר זייטן
צום אלטן מזבח אין הייליקן לאנד...
די טאכטער פון ציון
טוט וויינען און קניען,
און שטויב צו פארבארגן איר וויטאק און שאנד...

עס גייען און גייען א טאג נאך א טאג,
עס פליען די וואלקן, עס יאמערט דער ווינט;
און טרויעריק גיסט זיך א ביטערער קלאג:
„—וואו ביסטו, וואו ביסטו, מיין קינד?!"

שולמית.

שולמית זינגט,
שולמית זינגט,
אין אלטן איילבערט־גארטן...
א יונגער קול,
א ליבער קול,
צעגיסט זיך זיס פון דארטן
זי זינגט, זי רופט:
„דו, העלע לופט,
דו, הייסער, טיפער הימל,
וואכט אויף פון שלאף!
זאל זיין א סוף
צו אייער אלטן דרימל.
צינד אן, דו, נאכט,
אין הימל פראכט
דיין שטילן, בלויען פייער...

איר הערט? איר זעט?
מיין חתן גייט,
מיין ליבער גוטער, טרייער...
ווי מיד איז ער!
ווי ביטער, שווער
איז אים דער וועג געוועזן!
געקריינקט, געדארט,
און אלץ געווארט
ווען גאט וועט אים דערלייזן.
שטיי אוף=זשע היינט,
מיין טרייסט, מיין פריינט!
ווער פריש און פרייליך ווידער,
פארגעס דיין לייד,
וועק אוף דיין פרייד,
גלייך אויס די קראנקע גלידער!
קום, קום צו מיר
איך וועל מיט דיר
מיין קראפט און האפנונג טיילן
דו זאלסט קיין טרער
ניט וויסן מער,
דעם לעצטן קומער היילן!"...
שולמית זינגט!..
ווי זילבער קלינגט
איר ליד — און רויזן בליען...
שולמית זינגט,
שולמית זינגט,
דאס נייע ליד פון ציון!...

איינִיקלעך.

איר הערט פון דערווייטן א וויינענדע שטימע?
דאס קלאגן זיך, עלנד און ארים,
די חורבות פון ציון; דאס זיפצן און וויינען
די אלטע צעבראָכענע קברים,

דאס וויינען די הייליקע אלטע מצבות —
פארשווארצט און פארפינסטערט געווארן;
דאס וויינט אונזער מאמע, וואס איז בא די קינדער
אף אויביק ארוים פון זכרון...

* *
*

דערקלערט דאס מיר, פריינט מיינע טייערע,
איך קען דאס אליין נים פארשטיין;
ס'איז ממש דאך גאר א פארדרייעניש,
וואס איז דאס מיט אידן געשעען?

דאס בעסטע, דאס פיינסטע, דאס טייערסטע,
פיל מער פון דער גרעסטער רוהה,
פלעגט זיין בא אונז יחוס: אֵי, גאָטעניו,
דער ווארצל, דער שטאם, די משפחה!...

א קלייניקייט עפעס — אן איינִיקל!
א צווייגעלע פון עץ-החיים,
רב נחום'צעס אדער רב דוד'לס
א לעבעדיק שטיקל שירים!..

און קיינער זאל נארניט דערמאנען זיך
אף דעם, אז מיר האבן פארצייטן
אויך ווידעס געהאט, נים צו שעמען זיך
מיט זיי נים פאר גאט, נים פאר לייטן,

משה רבינו און דוד המלך׃
און גדעון, און שמשון, און דבורה,
יענע גבורים, וואס האבן געווארפן
אף אונזערע שונאים א מורא;

יענע גבורים, וואס וואלטן אודאי
געוויינט מיט די בלוטיקע טרערן,
ווען כאטש א הונדערט־טייל וואלטן זיי וויסן,
וואס אידן אמאל וועלן ווערן:

אויסגעדארט, אויסגעקווארט, וואוינען אין שכנות,
אין פרעמדע געדונגענע דירות,
דארט וואו געטאגט — ניט גענעכטיקט בא לייטן
און צאלן זיי אייביקע שכירות...

חנכת־הבית.

...ואין לנו רשות להשתמש
בהן אלא לראותן בלבד...

ווידער ברענט דאס אלטע לעמפל
אפן הויכן, שיינעם ארט.
יעדעס הייזל איז א טעמפל,
א מזבח פינקלט דארט.

וויפיל צייט איז שוין אריבער,
ס׳קלאפט די עלטער שוין אין טיר...
נאר מיר דאכט זיך, אז דער ליבער
זיידע ווידער רעדט צו מיר:

—„זעסט, מיין קינד? אכט גרויסע שטערן
גייען אוף אין הימל־פראכט,
און די שאטנס בלייכער ווערן,
העלער ווערט די שווארצע נאכט.

„ריין און הייליק, ליב און טייער
דארפן אונז אף אייביק זיין
זייער שמילער, מילדער פייער,
זייער ליכט און זייער שיין:

„פאר אן אייביקן זכרון
פון דעם נס אין יענע יאָרן,
ווען מיר האבן מיטן שווערד
אונז די פרייהייט אומגעקערט,

„האט אונז גאט די ליכט געגעבן:
נוצן זיי דערפאר אין לעבן
טאר מען ניט — א גרויסע זינד
וואלט עס זיין, מיין ליבעס קינד!"...

ניין, זיידע! שוין צוויי טויזנט יאר אז עס ברענט
די הייליקע מנורה, — און מיר?
מיר זיצן צונויפגעלייגט רואיק די הענט,
מיר זיצן פארחלומט, מיר זיצן פארבלענדט,
מיר זיצן און קוקן אף איר.

ניין! גרויס איז די ארבעט, וואס ליגט אף אונז; שווער
און ווייט איז דער הייליקער צוועק,
דער צוועק, וואס דארף זיין אונזער איינציק באגער,
וואס רופט אונז צו שטרייטן אן אייזן-געווער,
אן פייער, אן צארן, אן שרעק...

שווער, זיידע, און גרויס איז די ארבעט! פיל טעג
און נעכט וועלן לאנגזאם זיך ציען,
ביז וואנען מיר וועלן דערגרייכן צום ברעג...
דאן ברען-זשע און שיין און באלייכט אונזער וועג
דו, הייליקע מנורה פון ציון!...

ווי לאנג זאל ניט זיין נאך אונז פינסטער די נאכט,—
דו ביסט אונזער האפנונג, דו ביסט אונזער מאכט,
דאס גאנצע, דאס לעצט=ביסל חיות;
דו דארפסט אונזער פירער און וועג=ווייזער זיין,
עס זאל אונזער ארבעט באלייכט דיין שיין,
ליכט, ליכט פון חנוכת הבית!...

שטיי אוף.

ניין ליבער, ברודער, ארימאן!
שטיי אוף! שטיי אוף! עס איז פאראן
א גאט א שטארקער, ליבער,
וואס מאכט אין לעבן אלע גלייך,
פון טרויער—פרייד, פון ארים—רייך,
פון שלאפסטן קינד — א גבור...

ניט פרעג באם רב, ניט פרעג באם גביר;
די אלטע צרות וועלן דיר
דעם רעכטן וועג באווייזן.
שטיי אוף! שטיי אוף! וואש אפ דיין שטויב
וואס פלעגט דיך מאכן בלינד און טויב;
זיי שטייף און הארט ווי אייזן!

גענוג, געווג צו קנעטן ליים...
שטיי אוף! די מאמע רופט א היים!...
זאלסט ווי אן אדלער פליען!
א וועג א נייער הויבט זיך אן;
הויב אוף דיין גרויסע אלטע פאן,
די פאן, די פאן פון ציון!...

ראמאנטישע און לירישע לידער.

די ווילדע טויב.

צום גראניטן־פעלז איר ברוסט
ליבלעך צוגעפרעסט —
איינגעשלאָפן איז אַ טויב
אין אַן אָדלער־נעסט.

אדלער־טרוימען, אדלער־גייסט,
אדלער־קאמף און זיג,
האָבן זי באשפינט, באוועבט
און פאַרוויגט איר וויג — — — —

אין דערהיים פון רעמאלט אן
לעבט זי איינזאם, שטום;
„ווילדע פויגל", „ווילדע טויב"
רופט מען זי ארום.

„ווילדע!" קרייט די שווארצע קרא
„ווילדע!" זומט די פליג — — — —

——

יוגנט־טרוים! מיין טויבן־שלאָף
און דער אדלער־וויג! — — — —

צוויי אויגן.

אך שמייכל, שמייכל, מיידעלע!
עס קומט אַ רעגנבויגן
מיט הימל־בלוי, מיט הימל־גלאַנץ
פון דיינע ליבע אויגן.

און דאך... און דאך — צווײ אַנדערע:
זײ לײכטן שטיל און זעלטן,
דאָך גאַנצע הימלען עפֿנען זײ,
באַדעקן גאַנצע וועלטן.

מיטן רעגן־טױ, מיט רױזן־שטױב,
מיט גלוסט, מיט רײנעם, פֿײנעם, —
די צווײ, די צחײ חן־גריבעלעך
בײַם קלאָרן שמײכל דײַנעם.

די נאַטור.

ליכטיק שײַנט דער אונטן־שטערן;
שאָטנס ליגן אױף די פֿעלדער;
פֿײַכטע קילקײט ווײט און גיסט זיך
פֿון די גערטנער, פֿון די וועלדער.

און די גרױסע, אַלטע בױמער
שאָקלען מיט די גרינע בלעטער,
און מיר דאַכט זיך, אַז זײ רױשן:
„— זע, ווי פֿריש איז דאָ דאָס וועטער!"

טראָפּנס טױ, ווי פּערל, גלענצן
אין די לעצטע אונטן־שטראַלן,
אין די פֿײַכטע, גרינע טאָלן
שלאָגן פֿרישע, קאַלטע קוואַלן...

„קום אַרײַן אין וואַלד! מיר וועלן
דיך דערפֿרישן און דערקרעפֿטן...
ווי מיט ווײכע, גרינע פֿאָדעם
דיך באַשפּינען און באַהעפֿטן...

„מיט אַ שטילן, זיסן דרימל
וועלן מיר דײַן האַרץ באַווײען,

מיט א ליבן, זיסן חלום
דיך דערקוויקן און דערפרייען"...

און פון וואלד, מיט זיסע פרישקייט
אנגעטרונקען, אנגעזויגן,
גיי איך צו דעם גרויסן אפגרונט,
וועלכער ליגט פאר מיינע אויגן.

ליכטיק שיינען, ליכטיק גלענצן
אין דעם רייטן, פורפור-העלן
לעצטן אפשיין פון די שטראלן
די באגאלדטע, בלויע וועלן.

אף די בלויע, שטילע וועלן,
וועלכע גלענצן ווי א שפיגל,
שוועבט א זעגל, שוועבט און פלאטערט—
ווי א גרויסער, ווייסער פליגל.

אף די שטילע, בלויע וועלן
שווימט א שיפעלע א קליינע;
און פון שיפל הער איך שטימען,
— יונגע שטימען, זיסע, ריינע...

יונגע, זיסע שטימען זינגען,
פון די שטורעמס, פון די ווינטן;
פון די שיפערס, וועלכע שטרייטן
מיט די גרויסע, בייזע אינדן,

וועלכע שווימען אף דעם אפגרונט
ווייט, אין יענע שיינע, פרייע
לענדער, וואו די זון שיינט אייביק,
וואו עס לעבן גוטע, טרייע.

ליבע מענטשן, גלייך ווי איין
גרויסע, גליקלעכע משפחה,—

און ווי שטארק איז ז״ער פרייננטשאפט,
זייער פרידן און הצלחה...

„— נו־זשע, ברידער! — אין דעם זעגל
בלאָזט דער ווינט!.. נו, גיכער, גיכער!..
אונזער שיפעלע וועט פליען
אף די אינדן, ווי א וויכער...

„וואלקנס שוועבן אף דעם אפגרונט;
שווער אין שטורם איז דאס שווימען,
נאָר—פאָראויס... מיט האפנונג, ברידער!״
זינגען פרישע, יונגע שטימען.

יונגע, זיסע שטימען זינגען,
און איך זינג מיט זיי צוזאמען;
טיף אין הארצן פיל איך פליסן
נייע קרעפטן, נייע פלאַמען:

נייע האפנונג טריפט, ווי טראפנס
קאלטע וואסער אף דעם גומען
פון דעם קראנקן... אך, א דאנק אייך,
בוימער, זאנגען, גראָז און בלומען.

פרייע פויגל, בלויע וועלן,
פונ׳ם טיפן, הייסן הארצן,
צווישן אייך האב איך פארגעסן
מיינע אלטע, גרויסע שמארצן!

ליד דער ארבעט.

פאר אייך, מיינע ארימע ברידער און שוועסטער,
וואס זיינען צעזייט און צעשפרייט אף דער וועלט
וואָס קריכן און בלאנדזשען אף טויזנטער וועגן,
אין רעגן, אין שטורם, אין היץ און אין קעלט,

פאר דיך, אוי, דו אייביקער קרעכצער און זיפצער,
פארשווארצטער, פארקלאגטער, פאריאמערטער איד,
טום שאלן און זינגען און הילכן און קלינגען
מיין פרישעס, מיין לעבעדיק־פרייילעכעס ליד.

אין טויזנטער שטראמען גיסט זיך דאס לעבן
און קומט פארט צום אלטן, צום אייביקן ברעג...
די וועלט איז פאר איינעם א בליענדער גארטן,
פאר טויזנט — א שווערער, א זומפיקער וועג.

א, לויב און געזאנג דער מי און דער ארבעט!
זינגט, גריסט זיי פון הארצן, ליבנד און הייס!
געזונט זאָלן זיין די הענט מיט מאזאליעס,
דער שטערן, פון וועלכן עס גיסט זיך דער שוויס!

געבענטשט זאָלן זיין די ווערקשטאט, דאס שפינדל,
דער האמער, די סאכע, דער סערפּ און די זעג!
די וועלט איז פאר איינעם א בליענדער גאָרטן,
פאר טויזנט — א שווער און זומפיקער וועג.

געשמאק זיינען, ברידער, דעם שררה׳ס מאכלים!
געשמאקער פון אלעם — דאס שטיקעלע ברויט,
וואס ציט זיך פון אייגענער, ערלעכער ארבעט
מיט שוויס און מיט מי, אבי נאר אן נויט.

געשמאק איז דעם שררה׳ס שלאָף אין זיין צימער,
אף ווייכינקע קיסעלעך, וויס ווי דער שניי;
געשמאקער—א שלומער פארנאכט, נאך דער ארבעט
אין פעלד, אף א קאפיצע פרישינקעס היי.

פיל ליכטיקער שיינט די זון נאָך א רעגן.
די ווארעמקייט — ליבער און זיסער נאָך קעלט;
נאָר די, וועלכע האבן דאָס אומגליק געגאסן,
פארשטייען וואס גליקלעך־זיין הייסט אף דער וועלט.

די פייל איז פון שטאל, דער האמער—פון אייזן,
גאנץ איינפאך געמאכט און נים איבעריק שיין,
מיט זיי אָבער מאכט מען דאס שווערד און דעם פאנצער
און טאקע די היליקע קרוינען אליין.

דער סערפּ איז פון שטאל, די סאכע—פון אייזן:
קיין צירונג קיין גרויסע זינען זיי נים;
אין זיי אָבער ליגט אונזער קראפט, אונזער לעבן,
אן זיי איז אוממעגלעך איין אײנציקער טרים.

טא לויבט־זשע און זינגט דער מי און דער ארבעט!
זינגט, גריסט זיי פון הארצן, ליבנד און הייס!
געזונט זאָלן זיין די הענט מיט מאזאליעס,
דער שטערן, פון וועלכן עס גיסט זיך דער שווייס!

א מעשה'לע

פון א געוועזענעם ערד־ארבעטער.

א דערפל איז פאראנען
עס הייסט באָבראָווי־קוט,
אמאל איז דארט געשטאנען
מיין וויגעלע... און גוט

און זיס איז מיר געגאנגען
אין יענער ליבער צייט:
דאָרט האבן געלע זאנגען
געדרוישט פון יעדער זייט.

דארט האט די גרינע בלעטער
א ווינטעלע געוויגט;
א ליבעס, זיסעס ווינטער
מיין יונגע ברוסט געקוויקט.

עס האָרעווען דאָרט אידן
פון קינדווייז ביזן טוים,

און עסן דארט אין פרידן
אן איינן שטיקל ברויט.

פארגאנגען זיינען יארן,
איך בין פון דארט אוועק —
בין צוגעגרייט געווארן
נאר צו אן אנדער צוועק:

ניט מיט דער סאכע גיין
פון אריסקייט און נויט,
און אקערן און זייען
אלץ פאר דער שטיקל ברויט.

ניין, שטארק איז ווי א צעדער
און שטאלץ מיין הארץ אין מיר;
מיין סאכע איז די פעדער,
מיין פעלד איז דאס פאפיר!

די פעדער איז מיין סאכע,
מיין פעלד איז דאס פאפיר,
און וואס פאר מזל=ברכה
איז אנגעגרייט פאר מיר!

— מען לעקט פון מיר די פינגער,
עס קלינגט מיט מיר א וועלט;
כאטש וואס איז, דאכט זיך, גרינגער —
מאך לידלעך און נעם געלט.

יא, איך מאג זיין צופרידן,
נים ערגער ביזן טויט,
איינס פעלט נאר, ליבע אידן,
נאר איינס —
דאס שטיקל ברויט!..

צוויי טאָסטן.

ווי אויסגעטאקט פון אלטן העלפאנט=ביין
א הוילער שארבן, אויגן טיפע, בלויע
ווי ים=וואסער; א בארד א לאנגע, גראָע.
א מויל, אן איינגעפאלענעס, אן ציין.
א וואוקס א הויכער. אקסלען דארע, שמאָלע.
די ברוסט, דער רוקן—הויט און ביינער גאָלע...
א זאמד=אור האלט ער אין דער לינקער האַנט,
א קאָסע אין דער רעכטער... דורות בליען
און וועלקן ווי די בלעטער... יארן פליען
פארביי ווי שאטנס אף א ווייסער וואַנט...
ניטא פאר אים קיין שנאה, קיין רחמנות,
ניטא קיין פרייד, קיין לייד, קיין שמערץ, און וואונד...
פארצייטן איז געווען זיין נאמען „קראָנאָס",
די „וועלט=געשיכטע" — רופט מען אים אצונד...
דער אלטער אָפגאט שטייט און שווייגט, באהאלטן
אין טויטן גרויען נעפל אין דער הויך...
נאר ערגעץ דארטן, דורכן פולווער=רויך
אין קויטן=קלאַנג, פון אָפגרונט פונ'ם קאלטן
צוויי טאָסטן הער איך קלינגען שטארק און הויך.

I.

מיט ליכט פארגאסן איז דער זאל,
דער טיש באפוצט מיט פרישע בלומען;
שאמפאניער פליסט ווי פון א קוואל...
עס קלינגט און זינגט דער גאנצער זאל
א וויוואט! —„ניי=יאָר איז געקומען!"...
א בירגער=יום=טוב איז אין לאנד,
כ'סוז אויך מין בירגער חוב דערפילן.

כ'מוז נעמען אויך א כוס אין האנט
און נאכן טאקט א ווידאט שפילן...
ניין, ניין, לאזט רואיק שטיין דעם וויין —
כ'דארף קיינעם ניט מטריח זיין:
מיין כוס איז לאנג שוין פול געוואָרן
מיט גיפט און האַס, מיט פיין און צאָרן, —
כ'גיס אוים אים דיר אין פנים היינט,
עס זאל אין היץ, אין קעלט, אין רעגן,
וואוהין דו וועסט זיך נאר באוועגן,
באגלייטן דיר אף אלע וועגן
מיין ליד, מיין פיין; א, בייזער פיינט!...

II.

די נאכט איז טויב, די נאכט איז שטום
און שרעקלעך פינסטער איז ארום...
מיין פריינט! פון שטאָל איז אויסגעגאסן
דיין גייסט, ער פלאמט מיט העלדן מאכט;
דיין הארץ פאר טרייסט איז ניט פארמאכט,
דיין טיר פאר האפנונג ניט פארשלאָסן;
עס זיינען אבער דיק די ווענט
און שטארק די שלעסער און די ריגלען, —
און דו פארברעכסט מיט פיין די הענט.
די פעסט פארשמידטע אדלער-פליגלען...
א יאר אוועק... ס'איז ניי-יאר היינט —
און דורכן נעפל דורכן שווארצן
באגרים איך דיך, מיין טייער פריינט,
פון טיפן ברידערלעכן הארצן
מיט איין געפיל, מיט איין באגער:
עס זאל אין שווערן קאמף און שטרעבן
פארזיסן דיר מיין הייסע טרער
דעם גיפט פון דיין פארסם'טן לעבן!..

קריטישע לידער.

פאַנטאַזיע

דער מענטש איז א סוחר,
די וועלט א יריד;
מ'האנדלט, מ'וואנדלט
מ'קאכט און מ'זידט.
ס'איז ממש גאר רעכט
א כפרה צו ווערן,
אבי צו באקומען
דעם רוח וואס מער...
אך גיין, ניט קיין רוח,
איך וויל, איך באגער, —
גיט אפ מיר צוריק,
דעם קרן, דעם קרן!...

איך האב אין דעם האנדל
דאך איינגעלייגט אלץ,
דאס טייערסטע גוטס אף דער וועלט:
מיין קינדהייט, מיין יוגנט,
מיין זין און מיין הארץ
האב איך אין סכנות געשטעלט,
געיאגט זיך נאך רוח —
נאך כבוד, נאך יחוס,
נעארבעט, געקאָכט אָן א שיעור...
אך, ברידערלעך, לאזט מיך
ארויס שוין פון שותפות —
צו שווער איז דער האנדל פאר מיר!—

צו גרויס איז דער קרן,
צו קליין איז דער רוח...
נעמט, נעמט אייך אינגאנצן
די פרייד און דאס גליק,
אי יחוס, אי כבוד,
אי חכמה, אי גבורה,
מיר גיט נאר מיין יוגנט,
מיין יוגנט צוריק!

אך, גיט מיר צוריק
די גאלדענע יארן,
וואס זיינען פארגאנגען
אף אייביק פאר מיר,
אך, עפנט מיר אויף
דעם טויער פון גלויבן,
פון קראפט און פון האפנונג
די גאלדענע טיר!..

איר קוקט אף מיר, ברידער,
איר זיפצט, איר באדויערט
מיין ארימעם לעבן,
מיין נארישן זין...
אך, ארימע מענטשן,
אך, נארישע מענטשן,
איר ווייסט נים,
פארשטייט נים,
ווי גליקלעך איך בין! —
ווי גליקלעך איך בין
ווען, פריי ווי אן אדלער,
צעשפרייט זיינע פליגל
מיין גייסט און ער פליט
אהין, וואו עס שיינען
די אייביקע שטערן

וואו אייביקע יונגט
דופטעט און בליט,
וואו אונזערע פריירן
און אונזערע ליידן
געפינען זיך ניט!..

די קארטנווארפערקע.

א פאר פארדארטע, אלטע הענט,
נאר הויט און ביינער ווי די כארטן;
אן אלטער שלייער אפן קאפ,
אן אלט פארשמאלצן פעסל קארטן.

אט האט איר זי ווי אפגעמאלט,
די קארטנווארפערקע. א זקנה.
נישטא — זוכט אויס די גאנצע וועלט —
נישטא איר גלייכן, זי איז איינע.

דאס אלטע פעסל קארטן — אך,
רבותים, גיט מיר צו פארשטיין,
וואס פאר א כח ליגט אין דעם,
וואס קאן אלץ וויסן, הערן, זען?...

נו, גיכער, באבע, גיכער, נעם
צולייג די קארטן. מאך קיין שהיות:
דו הערסט, ווי ש־עקלעך קלאפט מיין הארץ?
דו זעסט? — עס גייט מיר אויס מיין חיות...

נישט פון דערהיים בין איך צו דיר
געקומען; ניין, איך בין געוועזן
אין פיל מקומות און געזוכט,
געזוכט א מיטל זיך צו נעזן.

חכמים, לומדים, גרויסע לייט
די קרוין פון אונזער קאפּ, די צירונג
פון אונזער פאלק — איך האב געהאפט
פון זיי צו האבן אַ קוויקונג.

צו זיי געווענדעט האב איך מיך
מיט אַ געבעט אין מיינע לידער,
איך האב געוויינט, געקלאגט פאר זיי:
אך, האט רחמנות, ליבע ברידער!

היילט אויס מיין הארץ, מיין קראנקעס הארץ,
פארשליסט דעם קוואל פון מיינע טרערן;
בלאזט אויף אין מיר אַ הייסן פונק,
צינדט אָן אין מיר אַ העלן שטערן.

קערט אום מיין הארץ, מיין קראנקע הארץ,
דעם אלטן הייסן, ריינעם גלויבן;
עס זאל די האפנונג נאך אמאל
ווי פריער שיינען מיר פון אויבן.

איך האב אמאל געהאט אַ גייסט
מיט גרויסע, שטארקע, ווייסע פליגל...
אַ ברוסט געקאוועט ווי פון שטאל
און אויגן העלע ווי אַ שפיגל;

איך האב געגלויבט: איך וועל מיין פאלק
פון שלאף ערוועקן און באפרייען;
זיין אלטע ברוסט, זיין אלטן גייסט
מיט קראפט באפרישן און באנייען.

איך וועל אים צייגן, וואו עס ליגט
דער רעכטער וועג, וואס וועט אים פירן
צו קראפט און לעבן, ליכט און גליק,
זיין קאפ באקרוינען און באצירן.

איך האב געגלויבט... און זעט, וואוהין
דאס לעבן האט מיך איצט פאַרטריבן!
פארביי מיין האפנונג און מיין קראפט,
נאר טרערן זיינען מיר געבליבן.

איך זינג בּאנאכט מיין קינה-ליד,
איך זינג — און מיינע שכנים זאגן:
— „אך, ווען וועט ער שוין שלאפן גיין
און וועט שוין אויפהערן צו קלאגן?!"...

חכמים, לומדים, גרויסע לייט —
איך בּין אומזיסט צו זיי נאך עצות
געגאנגען. אלע הערן מיך:
פאַרוואונדערט, קוועטשן מיט די פּלייצעס;

זיי וויסן ניט, פארשטייען ניט
מיין שמערץ, מיין יאָמער טוט זיי שרעקן...
נו, באָבע, אפשר וועט די קארט
דעם רעכטן אמת מיר אנטפּלעקן?

נו, זאג-זשע, זאג, וואס זעסטו דארט? —
אַ בּריוו?... אַ וועג?... נו, נו... אַ סבּה?...
דו שווייגסט, דו לאזט דעם קאָפּ אַראָפּ?...
דו וויינסט?... אך, וויין ניט, וויין ניט, ליבּע!

גיי, אלטע, גיי געזונטערהייט!
דיין קאַרט וועט מיר קיין נייס ניט זאגן...
איך ווייס מיין גורל אַף דער וועלט
און רואיק וועל איך אים פארטראגן.

איך ווייס: מיין ליד איז ווי אַ קוואל,
עס קען ניט אויסגעטריקנט ווערן;
נו, קלאג-זשע, קלאג, מיין ליד בּיז וואַן
דו וועסט ניט אויסגיין אין טרערן!...

נאכט־בילדער.

אך, ווי שמוציק פינסטער, נאַס,
איז אף אונזער אלטער גאַס!
טירן, פענסטער שטייען אָפן
און דער עולם — אלע שלאָפן;
שלאָפן קינדער, שלאָפן זקנים;
בלינדע, קראַנקע — אלע אין איינעם!
אף דעם פּאַרקן אויבן־אָן
שטייט און שרייט דער אלטער האָן —
שטייט און שרייט זיי חי וקים,
צו א לעבן, צו א נייעם
פונ׳ם שלאף צו וועקן זיי...
אך, אומזיסט איז זיין געשריי!..
שטארקער דארף מען זיין פון אייזן
דאָס צו זעען, ליבער גאָט!
קומט אביסל, כ׳וועל איך ווייזן
ווי מען שלאָפט באַ אונז אין שטאָט:

* *
*

דאס וועלטל דרייט זיך,
דאס לעבן גייט זיך;
מע לויפט,
מע וואנדלט,
מע קויפט,
מע האנדלט;
מען מאכט געשעפטלעך
ביזן טויט
און טאקע אָפטלעך
זיצט מען אָן ברויט...

מען קריכט צום אסעסאר
מע לעקט אים די פינגער,
די מכה ווערט גרעסער,
דער בייטל ווערט גרינגער...
מע שיט כאבארלעך
אזוי ווי בארלעך,
מיט אַ קרעכץ,
לינקס און רעכטס...
מע פארט אין טאלנע
שירים כאפן —
אז דער קוואַרטאַלנע
זאל מער ניט קלאפן...
אין באלטע, אין האמעל
מאכט זיך אַ סבה:
מע כאפט אַ פּאַגראמל
און מע זאגט „ספּאַסיבא"...
מע לויפט,
מע וואַ:דלט,
מע קויפט,
מע האַנדלט;
טרייבט מען פון מאסקווע —
לויפט מען אין האלע;
יאגט מען פון האלע --
לויפט מען אין שפאלע;
פון שפאלע טרייבט מען —
איז דארף מען זיך סטאַרן:
קאן מען — בלייבט מען,
און ווארגט זיך, נארן!
אויב ניט — איז ווידער
אַ דריי די מאַשינע:
עט, רוסלאנד, ברידער
איז אַ גרויסע מדינה!

ניט דא — איז דארט,
וואס זאל מען מאכן?
און טאקע פארט
די אלטע זאכן:

מע לויפט,
מע וואנדלט,
מע קויפט,
מע האנדלט,
מע קלייבט א גבאי
הושענה־רבה,
מע כאפט עליות —
עס איז א חיות!
מע האט א שטאט
אין שול באם ארון,
מע גייט אין באד —
צו לאנגע יארן!
מע קלייבט רבנים,
מע הערט חזנים,
מע האלט א כאר, —
עס האט א פנים
פון דריי שווארץ־יאר!..

א בריוועלע.

...מכתבך, חבר טייערער,
קבלתי, ווי די בינעלעך
די פריילעכע פון בינענשטאק
אין העלער זומער־שיין,
האט רוישנד זיך א שאטן־געטאן
א גאנצע מחנה גלענצנדע
זכרונות פון די גאלדענע

און ליבע קינדהייטס־טעג —
זכרונות פון א אידישע
דערשראקענע נשמה׳לע,
א צאפלדיקע טייבעלע,
וואס אפן ערשטן טריט
פון ווינגל כאפט עס אומגעריכט
א שטויס, א שליידער... ארימע
און עלנדע יתומה׳לע!..
זכרונות... דו געדיינקסט?
אמאל, אין חדר גייענדיק,
פלעגט דער באהעלפער שלאגן אונז,
דערנאך אין חדר קומענדיק,
דער רבי געבן קלעפ;
געפייניקט און געקאטעוועט
פון דאנערשטיק ביז דאנערשטיק,
זיך קלאגן, דו, ליידאק!..
מסתמא, דו געדיינקסט זיי נאך
און שא! דער מאמען סמייע ניט,
די טעג, די זיסע, גאלדענע...
איצט פרעגסטו, חבר טייערער,
וואס הערט זיך נייס בא אונז
אין שטעטל? — עט, מ׳שטיינס געזאגט,
נייעס! גארנישט: אידן הונגערן
און קריינקען ווי דער מנהג איז;
די גבירים העלפן זיי —
מיט איינגעמאכטס, מיט לימנעס
(נאטירלעך, ווען זיי גוססען
אין בית־החולים אונזערן,
ניט אין דער היים בא זיך)...
אזוי איז פון קדמונים שוין
בא אונז אין שטעטל איינגעפירט.
אזוי ווי כמה אנדערע

מנהגים אף דער וועלט;
צום ביישפּיל נעמען: קריגן זיך
מיט זידלערייען, שעלטעניש
און, אז גאט העלפט, מיט פּעטש אמאל
מה רעש? מען ווערט איינגעוואוינט —
א פּאַטש איז קיין סכנה נים,
מ׳גיט צוריק מיט רוח נאך
און ווידער גוטע פריינט!..
איז מאכט זיך אף צו־להכעים גאר
בא אונז אזא מין קאמעדיע:
צוויי בעלי־בתים האבן זיך
צוקריגט, און טרעף פאר וואס?
הא? פאר א שטאט אין מזרח־וואנט!..
אין קלויז בא אונז איז קאלט און פייכט
און פינסטער, א דערשטיקעניש;
דאס דאך איז אלט און פויל,
די ווענט פארשימלט; יארן לאנג
נים רעמאַנטירט ווי ס׳דארף צו זיין,
אפילו נים פאריכט אמאל
קיין פענסטער און קיין טיר.
דער עולם רעדט: קיין עולה נים
וואלט זיין, די „פאן די גאלדענע״
זאל עפּעס טאן, עס זאלן זיך
א ריר טאן פונ׳ם שלאף
די פני, די פריצים אונזערע —
צייט׳ כ׳לעבן, לאנג שוין צייט!
אין מיטן דרינען, אומגעריכט,
ווערט א מלחמה... גאט מיין האר!
עס דונערט און עס בליצט.
די גאנצע וועלט גייט באַראַבּאַם...
וואס איז? היות אין מזרח־וואנט
איז דא א שטאט וואס יעדע־ן

פאַרוועלט זיך זיצן דאָרט...
די שטאָט, באַדאַרף איך זאָגן דיר,
איז אייגנטלעך, אַ פרעמדע גאַר —
געהערט צו אַ פאַראָרעמטן,
אַן אַלטן בעל־הבית;
דער בעל־הבית, פאַרשטייסטו מיך,
ליגט נעבעך אין שפּיטאָל בײַ אונז
שוין יאָרן־לאַנג... נאָר ניין, מײַן פרײַנט.
וואָס טויגן חקירות דאָ?
דער עיקר איז — אין אָרימען,
אין וויסטן שטעטל אונזערן,
איז חושך!... ווי די הינט
אויף אַ נבלה, האָבן זיך
אַ שאָט געטאָן, אַ וואָרף געטאָן
דער שוואַרצער יאָר ווייסט ווער —
בינדיוזשניקעס און באָד־יונגען,
שכּורים און אַסטראָזשניקעס...
עס פליען קלעפּ ווי האָלץ,
בלוט שפּריצט און טרערן ביטערע
פאַרגיסן אונז, פאַרפּליסן אונז...
אַן עולם־הפּוך, ברודערקע,
אַ גיהנום, ליבער פרײַנט!
עס ברענט, און מענטשן טרינקען זיך
אין לייד, אין פּײַן, אין שרעקעניש...
שלעכט, ביטער!.. און בײַם רב
זיצט אַן אסיפה: ס'האַלטן זיך
אַן עצה, קלערן, טראַכטן דאָרט
די בעלי־מוחות אונזערע,
און ריידן רעדט מען דאָרט
אַז פונעם שלאַק פון אונזערן
וועט גאָר אַרויס איה"ש
אַ טובה פאַרן כּלל:

מ׳וועט גבאים אויסקלייבן
גאר נייע... הערסטו? אמת׳ע
מתעסקים, רעכטע וועלט-טוער,
וואָס וועלן ווי א שטראָם
פון אונזער לעבן אפּשווייקן
דעם שאנד און שמוץ, דאס העסלעכע
און שיזערע שקלאוועריי...
איך הער זיך-צו צו זייערע
הבטחות — בוימאייל וואָרימע
צוגיסט זיך אפן הארץ בא מיר,
א חיות גייט ארום
אין יעדן גליד... אך, טייערער
און ליבער פריינט! דו קענסט דאך מיך:
איך בין ניט קיין פּאָליטיקער,
איך בין א פּראָסטער איד
אף קיין אסיפות גיי איך ניט,
קיין עצות קהל גיב איך ניט
און זאָג קיין דעות נים;
נאר אין מיין ארים ווינקעלע
פון קינדוויז עלנד זיצנדיק,
אוי, פיל איך יערן שטאָך
און יעדן ברי!.. איך ווארט. איך האָף
און גלויב — איך, קבצן בימערער,
איך קאליקע פאַריאָמערטער,
דערשראָקענער, דערשלאָגענער,
איך ווארט, איך האָף, איך גלויב!..
דערווייל איז אָבער, ברודערקע
שלעכט, ביטער!.. כל ישראל—שטייט—
חברים, און די קלעפּ,
די קלעפּ, די שווערע אייזערנע
כאַפּ איך דערווייל!.. די פּני,
די מיוחסים אונזערע —

זיי גרייטן זיך אין גיכן שוין
גבאים קלייבן... איינינקע
געניסן שוין פארויס
די גדולה פון א גבאי זיין,
דאס מתיקות, דעם גן־עדן־טעם
פון זיצן אויבן־אָן...
און איך, איך קבצן פינסטערער,
פארגיי דערוויייל פון נויט, פון פיין,
פון גוואלד, פון אַנגסט, פון שרעקעניש...
די לעצטע כחות צאנקען שוין,
דאס חיות גייט מיר אויס!..

———

איר הערט דעם קלאָג דעם ביטערן,
דעם יאָמער און געשריי?
זאגט, ליבע פריינט, וואס ענטפערט מען,
וואס ענטפערט מען אף זיי?!...

דער טויטער חתן.

עס ברענט דער פראסט, די בוימער שטייען
ווי אין תכריכים אָנגעטאָן...
ווי אין אַ שדים־רומפל דרייט זיך
דער ווינט, כאפט אוף די ווייסע פּאָן

און פאטשט און פלאטערט אין דער לופטן...
די וויגע קלאגט און ברומט, און זידט...
און אין דער פינסטער קלינגט פון קבר
אַ ליד, א ווילד און שרעקלעך ליד:

„— אאו! אאו!.. פלי, פלי, מיין קלאג־ליד,
אַף בערג און טאל, אף וואלד און טייך!..

חברים ליבע! ברידער מײנע!
אאו!.. איך ליג און װאַרט אױף אײך...

„איך ליג, פֿאַרװױגט אין זיסן חלום...
די נאַכט — זי ציט זיך אָן אן עק...
ניט ברײט, ניט לאַנג איז מײַן געלעגער,
צו־שװער אַפֿילו איז מײַן דעק...

„נאָר שטײט... װאַרט אױס... איר קענט מײַן כלה?—
מײַן גאָלדן האַרץ, מײַן זיסע טרײסט,
מײַן קרױן, די בת־מלכה די קלאַרע?
און װײסט איר, װײסט איר, װי זי הײסט?

„א האַרץ, געװעבט פֿון מױ און שטראַלן,
פֿון יוגנט־פֿרײד, פֿון פֿרילינגס־לופֿט;
די אױגן אירע זײַנען בליצן,
דעם אָטעם — רײנער בלומען־דופֿט.

„זי גײט — און שטײנער זינגען שירה
מיט פּערל שיט דער װאַסער־פֿאַל;
פֿון יעדן בליק בליט־אױף א װײַנשטאָק,
אױף יעדן טריט פּליסט־אױף א קװאַל.

„דער װײַסער װאָלקן איז איר זעגל,
דער רעגנבױגן איז איר בריק...
אַך, זאָגט־זשע, זאָגט — איר קענט מײַן כלה,
מײַן גאָלדן האַרץ, מײַן טרײסט, מײַן גליק?

„אין „העלדן־גײסט" איז איר געבורט־אָרט
אין „קאַמף און זיג" איז איר געצעלט...
„פּרינצעסין־פֿרײַהײט", „פֿאָלקס נשמה"
און „פֿאָלקס־גליק" הײסט זי אױף דער װעלט...

„איך בין געווען איר חתן... הערט איר?
ס'איז אלץ געווען מיר ליב און גוט, —
איך האָב מיט פרייד פאר איר געאָפּפּערט
מיין הארץ, מיין גייסט, מיין מאַרך, מיין בלוט...

„דער טאטע האָט מיך אָפּגעוואשן,
ווי צו דער חופּה צוגעגרייט;
די מאמע האט א העמד א נייע,
א שניי=ווייסע העמד מיר אופגענייט;

„די פּושקעס האָבן ווי כלי=זמרים'ס
געשפּילט דעם חתן „מזל=טוב"...
פארהיילט געוואָרן אלע וואונדן...
א גוטע נאַכט! א זיסער שלאָף!..

„און קדיש זאָגט נאָך מיר דער זיידע,
ס'זאָל שטיל און זיס מיין רו מיר זיין...
נאָר וואס=זשע ווייסטו, אלטער זיידע,
פארבּרעכטסט די הענט מיט קלאג און פּיין?

„צי אפשר מיינסטו ווירקלעך טאקע,
אז איך בין טויט?!.. ניין, זיידע, ניין!
איך לעב, איך לעב! איך פיל! איך צאַפּל!..
אוים קדיש זאָגן! אוים געוויין!..

„איך לעב און פיל נאָך הייסער, טיפער
ווי פריער, פול מיט העלדן=מאכט;
איך קוק מיט טויזנט העלע אויגן
גלי=דורך די קאַלטע, טויטע נאַכט!..

„איך אטעם איצט מיט טויזנט בּריסטן;
אין טויזנט הערצער קאָכט און זידט

מיט האַס און צאָרן, קראַפּט און גלויבּן
מײַן בּלוט, מײַן קללה שאַלט און פליט.

„און פלאַמט און פלאַקערט אין דער לופטן...
איך כאַפּ אַרום מיט טויזנט הענט,
צעבּייג, צערײַס די אַלטע קייטן,
צעבּרעך, צעוואַרף די אַלטע ווענט!..

„וואַרט, עלנד פאָלק, דו, מלך אביון!
פאַרשטיק דײַן לייד, האַלט אײַן דײַן קלאָג,
ס'וועט אויפגיין דײַן נחמה־שטערן,
ס'וועט קומען דײַן דערלייזונגס־טאָג!"...

. . . .

עס בּרענט דער פראָסט... די בּוימער סקריפּען...
דער בּייזער ווינטער רוישט און זידט..
איר, אַלטע, עלנדע און קראַנקע,
איר הערט דעם טויטן חתן'ס ליד?..

פראזא.

לכבוד התורה.

I.

ווי א כלה, ווי א בת־מלכה, אנגעטאָן אין אירע בעסטע, שענסטע קליידער, האָט געשיינט די יונגע אום־שולדיקע וועלט. פינף טויזנט זעקס הונדערט ניין און פער־ציק יאָר צוריק.

ניט נאָר דער וואונדערשיינערגאַרטן—דער גן־עדן וואו עס האָט אין אָנפאַנג געוואוינט דאָס ערשטע פּאָר פאָלק, נאָר אויך די גאַנצע גרויסע וועלט האָט געבליט און געדופטעט ווי א פרישער בלומען־שטאָק, באַלייכטעט פון דער גאָלדענער זון, באַשפּריצט מיט פרישן, זילבער־נעם טוי.

קיין איינציקער זיפץ האָט זיך ניט געהערט אין דער לופט; קיין איינציקע טרער איז נאָך ניט געפאַלן אף דער פרישער, בליענדער, גליקלעכער ערד.

אונטער די גרינע איילבערט און ציטראָנען־ביימער זיינען געלעגן און געוואַרעמט זיך קעגן דער זון די גרויסע, פורכטבאַרע ליבן און לעמפּערטן, און נעבן זיי האָבן זיך רואיק געפּיטערט הירשן און אינדן, פי און שעפּסן.

אף די צווייגן פון די הויכע, שטאָלצע צעדערן זיינען זיך רואיק געזעסן אין זייערע נעסטן, איינער נעבן דעם א דערן, דער גרויסער, שטאַרקער אָדלער און דאָס שוואַכע, קליינינקע טייבעלע.

די בייזע שלאַנג און דאָס שלאָפּע, אָרימע העזעלע האָבן געטרונקען פון איין קוואַל און איינס נעבן דעם אַנדערן זיך געלייגט אָפּ־רוען.

די גאַנצע, גרויסע וועלט, מיט אירע וועלדער און פעלדער, בערג און טאָלן, שטראָמען, טייכן און אָפּגרונטן, האָט געזונגען די גרויסע, הייליקע שירה — איר ערשטעס, שיינעס מאָרגן־ליד...

עס איז געווען דער זיבעטער טאָג — דער ערשטער שבת אויף דער וועלט...

אין זעקס טעג האָט דער בורא באַשאַפן די וועלט— די ערד מיט איר־ע פעלדער, טייכן, בערג, וועלדער, טאָלן און אָפּגרונטן...

— האָט איר געלעזן דאָס ביכעלע, אין וועלכן עס איז באַשריבן, ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען?

— נו, פאַרשטייט זיך! אַ שאלה!.. וועלכער איד האָט ניט געלייענט דאָס ביכעלע? —

דאָס ביכל, אין וועלכן באַשריבן עס איז
שוין לאַנג, פון די גאַנץ אַלטע יאָרן
די אַלטע געשיכטע פון דעם, ווי אַזוי
די וועלט איז געבאָרן געוואָרן...

יעדער אידיש קינד האָט געלייענט די געשיכטע און יעדע וואָך, יעדן זיבטן טאָג, לייענט מען דאָס ליבע, הייליקע ביכעלע..

יאָרן פליען, יאָרן שוועבן...
ווי אַ שטראָם פון באַרג אין פעלר
פליסט די צייט דורך אונזער וועלט,
שווינקט אַראָפּ אין אונזער לעבן

קראַפט און יוגנט, גליק און נויט,
יאָמער, הערשאַפט און פאַרמעגן.

אלע סטעזשקעס, אלע וועגן
פירן, ברייננגען גלייך צום טויט...

פיל פיל. פון דעם, וואס איז פארגעקומען אף דער וועלט, איז שוין פארגעסן געווארן, אבער דער חוק פון דעם ליבן שבת־קודש לעבט נאך ביז איצט בא יעדן אידן און דערמאנט אונז אף מעשה־בראשית — אף דעם זיבנטן טאג, אין וועלכן דער אויבערשטער האט געטאן רוען און קלייבן נחת, קוקנדיק אף דאס, וואס עס טוט זיך דארט, אונטן, אף זיין ליבער וועלטל...

און יעדן פרייטיק זיצט דער בורא־עולם און קוקט אראפ פון אויבן אף דער וועלט, וואו זיין פאלק־ישראל פּראוועט דעם ליבן, הייליקן שבת...

אך, וואס פאר א נחת עס איז צו קוקן!

מען קערט, מען וואשט, מען רוימט, מען פילט די פיש, מען פארוקט דעם טשאלנט, מען איז מקבל־שבת, מען עסט אפ די ערשטע סעודה, מען שלאפט זיך אויס, מען טרינקט אפ שבת דיקן טיי, מען גייט אוועק אין שול, מען דאוונט אפ שחרית, מען נעמט אויס, מען רופט אויף כהן און מען הויבט אן צו...

צו שלאגן זיך איבער עליות!!!...

II

די שטילע, פינסטערע נאכט האט איבערגעצויגן איבער דאס לאנד מצרים איר דונקל־בלויען שלייער, און א זיסער, געשמאקער שלאף הערשט איבער אלע גאסן, אין אלע הייזער.

די גרויסע טעמפלען מיט די מירמל־שטיינענע, זיל־בערנע און גאלדענע אפגעטער, די שיינע פאלאצן מיט די גערטנער און בלומען־שטאקי, די צוויי גרויסע פעסטונגען, פיתום און רעמסס, וואו יעדער שטיין, יעדער ציגל איז באגאסן מיט אידישן שווייס און אידישע טרערן; דער טייך

נילוס, וואו עס שווימען ארום טויזנטער קלייניגקע אידישע נפשות'לעך, דערשטיקטע, דערטרונקענע, און אויך דאס לאנד גשן, וואו טויזנטער אידישע מוטערס באגיסן מיט הייסע ביטערע טרערן די פוסטע וויגעלעך פון זייערע אומשולדיק־געטויטע קינדער — דאס גאנצע לאנד איז באדעקט מיט פינסטערניש, און א טיפער שלאף הערשט איבער אלע גאסן.

קיין איינציקע שטימע הערט זיך ניט אין דער שטי־לער נאכט, קיין איינציקן מענטשן זעט מען ניט אין דער פינסטער...

עס שלאפט דער הער אין גרויסן פאלאץ,
אין זייד, אין סאמעט איינגעהילט;
עס שלאפט דער קנעכט—געלייגט צו קאפנס
א זאק מיט אלטע שטרוי געפילט.

דער זקן זעט אין שלאף זיין יוגנט,
זיין אלטע גליק, זיין פרייד און מאכט...
און ליבנד גיסט אי רו, אי קרעפטן
אין יעדעס הארץ די שטילע נאכט...

שטיל און רואיק איז אין אלע גאסן... נאר וואס גלענצט עס און שיינט דארט פון ווייטן? א גערויש פון פליגל טוט זיך הערן אין דער לופט... א גייסט, א געט־לעכער גייסט שוועבט און הויבט אן אראפלאזן זיך פון אויבן... זיינע ברייטע, ווייסע פליגלען גלענצן אין דער פינסטער... דאס לאנגע שניי־ווייסע קלייד פלאטערט אין דער לופט... פון זיינע לאנגע גאלדענע לאקן, פון זיין ליכטיקן שטערן, פון זיינע אויגן — פון זיין גאנצן אומשטערבלעכן קערפער ציען זיך העלע, ליכטיקע שטראלן, באשיינען און באלייכטן ארום אום די פינסטערניש...

נידעריקער און נידעריקער שוועבט דער געטלעכער גייסט און אם ענדע לאזט ער זיך אראפ אף דער הויפט־שטאָט פון לאנד מצרים...

שטיל, לאנגזאם לאזן זיך אראפ און לייגן זיך צונויף אונטער זיינע אַקסלען די ברייטע, ווייסע פליגלען, און שטיל און רואיק הויבט ער אן גיין דורך די גאסן, פון הויז צו הויז, פון איין פאַלאַץ צום אנדערן...

בא יעדן טויער, בא יעדער טיר שטעלט ער זיך אָפּ אף איין אויגנבליק, הויבט אוף זיין רעכטע האנט און מיט א פייערדיקן שווערד, פון וועלכן עס טריפן טראפנס בלוט, רירט ער זיך צו צו די טירן...

און דארט, וואו ער רירט זיך צו מיט דעם פייער־דיקן שווערד, בלייבט א גרויסער דונקל־רויטער פלעק...

שרעקלעך זיינען די פלעקן פון דעם שווערד!— דאס זיינען סימנים פאר דעם מלאך־המות. וועלכער גייט טריט בא טריט נאך דעם געטלעכן גייסט מיט די גרויסע, ווייסע פליגלען: טויזנטער זינדיקע נפשות פאלן טויט איינער נאך דעם אנדערן — דאס זיינען די בכורי־מצרים...

— האט איר געלעזן דאס אלטע הייליקע ביכעלע, אין וועלכן עס איז באשריבן די מעשה פון יציאת־מצרים?

— נו, פארשטייט זיך! ווער האט דאס ניט געלעזן? ווער האט ניט געלייענט

די געשיכטע, ווי אזוי
אין די אלטע יארן
האט געארבעט אונזער פאלק
און פארשווארצט געווארן.

און ווי וואונדערלעך דערנאך,
פול מיט פרישן, נייעם
גליק און קראפט, איז עס ארויס
פון דעם לאַנד מצרים....

דרייַ טויזנט יאר זיינען שוין פארגאנגען זינט דאס האט פאסירט, — און ביז איצט איז נאך געבליבן דער זכר פון דעם גרויסן נס.

מען וואשט, מען שמירט, מען רוימט, מען פוצט, מען שייערט. מען כשר'ט, מען רעדלט און מען באקט מצה, מען גייט אין שול, מען דאוונט אפ שחרית, מען נעמט ארויס די ריינקייט, מען שטעלט זיך אפ אף קריאה־לפסח און מען הויבט אן צו...

צו שלאגן זיך איבער עליות!!!...

III

אפטמאל, זיצנדיק אוונט־צייט איינער אליין אין מיין צימער, דערמאן איך מיך אף די אלטע פארגאנגענע יארן, און פארשידענע דערינערונגען און בילדער פון מיין קינד־הייט שטייען אוף פאר מיינע אויגן און יעדעס פיצעלע זעט אויס אזוי דייטלעך, אזוי קלאר, גלייך ווי דאס וואלט געווען מיט עטלעכע טעג צוריק.

אלע דרייַ שול־הויפן אין אונזער שטעטעלע ליגן פאר מיר אויסגעשפרייט ווי א טישטוך; יעדע באנק, יעדער שטענדער שטייען פאר מיינע אויגן ווי לעבעדיקע; ובפרט אין אונזער שול, דאס הייסט אין דער שול, וואוהין איך פלעג מיט מיין טאטן ע"ה גיין דאוונען, איז מיר באקאנט יעדעס ווינקעלע, טאקע ווי דער פסוק זאגט: „ממזרח שמש עד מבואו" — פון מזרח־וואנט ביז דעם האנד־פאס אין פארהויז. אף פיל גוטע גליקלעכע שטונדן דערינערט מיך יעדעס ווינקעלע פון דער אלטער ליבער שולכל:

אט דא—דערמאן איך מיך, בין איך געשטאנען בעת עס האט געזאגט ר' הלל פאריצער ע"ה... איך געריינק... אך, וואס פאר א חיות איז מיר געגאנגען איבער אלע אברים. מיט וואס פאר א פארגעניגן האב איך א פופצנ־

יאָריקער ווייסער חבר'ניק, געשלונגען יעדעס וואָרט, יעדן זיפץ און יעדן קרעכץ, וואס האָבן געטאָן ארויסגיין פון זיינע זיסע, באמת זיסע, מחיהדיקע לעפצן.

און אָט דא נעבן ר' מרדכי אהרנ'ס שטענדער, בין איך געשטאַנען, לייענען־צייט, ווען מען האט מיך צום ערשטן מאָל אופגערופן מפטיר... א, ווי פיל טיפע כיט־ראָסטן זיינען דאמאָלס געזעסן אט אין דעם קליינעם מענט־שעלע! איך בין מיר געשטאַנען און גאַנץ רואיק געשמועסט מיט ר' מרדכי אהרנ'ס בן־יחיד'ל וועגן אליהו דעם שוחט'ס — אונזער פיידנס דם־שונא — און אז דער בעל־קורא האט אויסגערופן מיין כשרן נאָמען, האב איך מיך א קער געטאָן צו דער בימה מיט אַזא מין קוק, גלייך ווי איינער זאָגט: „האָ? וואָס? מיך? נו, בקיצור, כ'וועל אייך טאָן די טובה"... און ווייסן האב איך געוואוסט גאַנץ גוט, אז מיט מיין היינטיקן מפטיר וועל איך די גרעסטע נקמה האבן אין אליהו דעם שוחט'ס און אין אלע אנד'ערע מיינע שונאים...

היינט טאַקע די בימה אליין — די בימה, אף וועל־כער איך, דער איצטיקער עלנדער זשאַרגאָן־מחבר'ל בין ניט איינמאָל און ניט צוויי מאָל געשטאַנען און געשיינט ווי די ליכטיקע זון, לייענענדיק פאַר אן עולם אידן א גאַנצע סדרה און טאַקע כדבעי, מיט אלע שלשלת'ן אויס־געקרייזלטע און אויסגעפּלאָנטעטע — א חיות!..

אך, טייערע, ליבע גליקלעכע טעג!

איינס נאר איז מיר קשה: פאַר וואָס עפּעס קומט אויס, אז יעדעס מאָל, ווען איך שטעל מיר פאָר אין מיינע געדאַנקען אונזער שול, שטייט אוף פאַר מיר דער זכרון אדער פון א פינסטערע קללה, אדער פון א הייסן, פייער־דיקן פּאַטש מיט א הודעריי פון אן איבערגעקערטן שטענ־דער, פון אן אראָפּגעוואָרפענעם לייכטער, אן אויסגעזעצטע

שויב מיט א קלינגערייַ און א קלאַפּערײַ; און יעדעס מאָל, סײַ שבת, סײַ יום־טוב דווקא בשעת לייענען — בשעת לייענען

די הייליקע תורה, דעם איינציקן שאַץ,
וואָס איז אונז געבליבן פון אונזער פאַרמעגן;
די תורה'לע — וועלכע פון לאַנד און צו לאַנד
מיר האָבן געטראָגן אין ווינט און אין רעגן,
אין שטורם, אין האָגל, אין היץ און אין קעלט,
— דער איינציקער אונזערער טרייסט אויף דער וועלט.

סכּות — שטעל איך בײַ מיר פאָר — סכּות א פּאָר טויזנט יאָר צוריק:

דער לעצטער גאַרב איז שוין אַראָפּגעפירט פון פעלד; דאָס לעצטע הינגל ווײַנטרויבן איז שוין אַראָפּגענומען געוואָרן און אַרײַנגעבראַכט אין קעלטער; פון די הויכע בערג פון אפרים ציען זיך לאַנגע קאַראַוואַנען פון קעמלען און מויל־אייזלען אָנגעלאָדן מיט גאַרבן און מיט פּירות; דורך דעם מדבר עין־גדי, פון גלעד, פון דעם לאַנד דן און פון אַלע עקן, פון אַלע זײַטן גייען עולי־רגל, שטאָט און דאָרפס־לײַט, זקנים און קינדער, בחורים און בתולות, מיט געזאַנג און מיט פרייד, צום באַרג ציון, צום בית־המקדש...

און דאָרט, אויף דעם באַרג ציון, אין דעם גרויסן פּרעכטיקן טעמפּל, קניען טויזנטער און צענטויזנטער פרייע און גליקלעכע אידישע קינדער, הערנדיק דאָס זיסע געזאַנג פון לוים און די שטימען פון די הייליקע כּלי זמר.

דאָרט אויף דעם הייליקן באַרג, שטייט דער כּהן־גדול פאַר דעם מזבח, אויף וועלכן עס זײַנען געבראַכט געוואָרן זיבציק אָקסן, זיבציק קרבּנות מכפּר צו זײַן אויף די זינד ניט נאָר פון דעם פאָלק ישראל, נאָר אויך פון אַלע

פעלקער פון דער וועלט. „— דו, גרויסער גאט! דו, שטארקער גאט! — איז מתפלל דער כהן־גדול:

„הער צו די תפלה פון דיין קנעכט
וואס שטייט פאר דיר דעם קאפ געבויגן!
וועק אויף דאס קאלטע, טויטע הארץ,
מאך אויף די טונקלע, בלינדע אויגן

„פון יענע פעלקער אף דער וועלט,
וואס בלאנדזשען אף די קרומע וועגן...
ווי אף די בלום דעם מארגן־טוי,
ווי אף דעם זאנג דעם פרישן רעגן,

„פארגיס אף זייער טונקלען זין
דיין בארימהארציקייט פון אויבן,
באלייכט זיי מיט דיין שיין און מאכט,
דערקוויק זיי מיט דעם ריינעם גלויבן;

„און ווי די אפגרונטן בארעקט
דער טיפער ים פון אלע עקן,
זאל גלויבן, ווארהייט, וויסנשאפט
פון עק ביז עק די וועלט בארעקן!"...

היינט — שבועות? דער ליבער גרינער יום־טוב, וועלכן עס פייערט די גאנצע נאטור, אנמונטערנדיק זיך אין די בעסטע, שענסטע קליידער, — דער יום־טוב, וועלכער דערינערט אונז אף דעם גרעסטן און גליקלעכסטן טאג, וואס איז פארשריבן אין אונזער געשיכטע — אף דעם טאג מתן תורה! שבועות... נאר, צוריק ריידנדיק — מיט וואס איז, זאגט מיר, רבותים, שבועות ערגער פון סכות אדער פון פסח, פון ראש־השנה, פון יום־כפור, און פון אלע אנדערע ימים־טובים? אידעלעך זיינען דא אף גאטס וועלט, קיין עין־הרע, ווי באב, א תורה איז דא אן איין איינ־ציקע, עליות איז סך הכל ניט מער פון זיבן, א נשמה

האט יעדערער, א אידיש הארץ וויל, א האנט איז דא, א באק איז גלאט און ווייך און ווארעם, — איז בכן, פאר־שטייט זיך שוין ממילא, אז עס מוז נולד ווערן אזא מין זאך, וואס איז אי גלאט, אי ווייך, אי ווארעם... הײנט א פאטש איז דאך געגליכן צו א צוואנג: „צבת בצבת עשויה"... — איין פאטש מאכט דעם אנדערן. חוץ פעטש זיינען דא אף דער וועלט קללות, זידלערייַ, מי־שבירך'ס, הזכרת נשמות און אנדערע „פרפראות", וואס פאסן אויך גאנץ גוט צום ענין... א קלייניקייט אביסל! איז בכן שיטן זיך לכבוד התורה אזעלכע פערל, וואס עס איז א קוויקע־ניש צו הוקן און צו הערן...

— „מאין באת? — שרייט נחמן קלעק צו בערל לעמעשקע, — „אטקודאוואַ? א? דו קבצנ'יוּ, שלעפער! דיר ששי? דיר? א פאטשעכוּ? וואס? האסט איינגעלייגט א חלק? גענוג דיר א פאיאק צו מנהה, ארער באקע גאר א פראסטן פאנידיעלניק. בא די כאפאזשניקעס אין שול . . . אראפ פון דער בימה, דאלאי!"...

און וואס זאגט בערל לעמעשקע?

בערל לעמעשקע זאגט גארנית, אדער כמעט גאר־נית! נאר בא אים איז דער לשון אריין אין די ידים, איז... נו פארשטייט איר דאך. שלאגט מען זיך פסח צום טל, שמיני עצרת צום גשם, שמחת־תורה צו הקפות, שבועות צו אקדמות, און שבת־הגדול אדער שבת־שירה כאפן אויך אמאל עטלעכע גוטע בעל־הבית'ישע פעטש... הײנט וואו איז א מאנטיק און א דאנערשטיק — וואס איז? וואכעדיקע קלעפ זיינען אויך ניט קיין שפענדלעך . . . א כלל:

מ'שלאגט זיך,
מ'פלאגט זיך,
מ'רייסט זיך,
מ'בייסט זיך,

ווי פויגעלעך פליען
אי פאות, אי בערד,
עס קלינגען די שויבן,
עס ציטערט די ערד;

מ'איז מזכיר נשמות
מיט קללות, כאַ־אבעס —
די פעטערס, די מומעס,
די זיידעס, די באבעס,

עס פלאמען די אויגן,
עס טרעשטשען די קעפּ,
עס גיסן זיך ברכות,
עס שיטן זיך קלעפּ...

מ'בייסט זיך,
מ'רייסט זיך,
מ'פלאגט זיך,
מ'שלאגט זיך,

עס פליען די שטענדערס,
די לייכטער, די ביינק,
עס שיטן זיך קללות
און הרמות און קריינק;

עס שיטן זיך, גיסן זיך
חרמות און קללות
פון ארון צום עמוד
פון עמוד צום פאלעש,

פון פאלעש אין שול־הויף,
פון שול־הויף אין גאס..
דאס שטעטעלע הוריעט
און ברומט ווי א פאס...

און אט דאס אלץ — לכבוד התורה!!!...

„דאס ביסעלע בוימאייל".

(בילדער און געראנקען)

I

פיל טעג, פיל וואָכן און יאָרן זיינען פאַרגאַנגען, זינט עס האט זיך געענדיקט די גרויסע שרעקלעכע מלחמה, און אף דעם הויכן טורם פון מצדת־דוד האָט זיך אופגע־הויבן און געבליבן שטיין הויך און שטאָלץ אין דער לופט, ד פאָן פון אנטיוכוס מלך יון...

קיין איינציקער מזבח האט זיך ניט געריכערט, קיין איינציקער קרבן איז ניט געבראַכט געוואָרן אין דער גאַנ־צער צייט; פאַ־שטערט זיינען געוואָרן די שבתים און ימים־טובים; די כהנים האָבן אויסגעטאָן זייערע הייליקע קליידער, די לוים האבן פאַרלאָזן זייערע כלי־זמר, זייער הייליקן דינסט אין גאָטס הויז; אנגעטאָן אין זעק און באשאָטן די קעפּ מיט אש, זיינען געלעגן יונג און אַלט אף די קברים פון די נביאים. נעבן די צעבראָכענע מזבחות, געבראָכן די הענט, געוויינט און געשריען צו דעם בורא־עולם... נאר אומזיסט איז געוועזן זייער געבעט, אומזיסט האבן זיך גע־גאָסן זייערע טרערן!..

ווי א סטאַיע הייזריקן, וואס באדעקט א פעלד, זיי־נען געגאַנגען די חילות פון אנטיוכוס איבער דאס לאנד, פון שטאָט צו שטאָט, אף יעדן מאַרק, אף יעדער גאס האבן זיי געבויט מזבחות און מיט שווערד אין דער האַנט, מיט אייזן און מיט פייער געטריבן דאס פאָלק מקריב צו זיין קרבנות צו זייערע שטיינערנע און הילצערנע אפגעטער...

און דאס פאָלק, דאס דערשראָקענע און פארמוטשע־טע פאלק, איז געגאַנגען, געלאָפן צו די מזבחות, געקניט און געבוקט זיך צו די אָפגעטער... אף יעדער גאַס, נעבן יעדן הויז, האָט געפלאקערט א מזבח... די ספרי־תורות האט מען געריסן אף שטיקער און געווארפן אף די מזבחות, אף וועלכע עס האָבן זיך געשמאַליעט און געבראָטן חזירים און אנדער טמא׳דיקע חיות...!

יעדן חודש פלעגן אָנקומען די חילות פון אנטיוכוס, און דעם, ווער עס האָט ניט געוועלט טאן זייער באַפעל, האבן זיי געטויט... די מוטערס, וועלכע האבן זיך דער־וועגן מל צו זיין זייערע קינדער, האט אנטיוכוס באפעלט טויט צו שלאגן: פאר זייערע אויגן פלעגט מען אופהיינגען זייערע אומשולדיקע קינדערלעך, שטעכן און שניידן זיי אף שטיקלעך...

פיל אידישע פרויען זיינען געפאלן פון דעם שווערד פון אנטיוכוס; פיל נפשות, אלטע און יונגע, האבן ליבער דעם טויט גענאָמען, איידער צו פאָלגן דעם רשע, אום צו בלייבן געטריי דעם איינציקן גאָט און זיין הייליקער־תורה..

II

באגאָסן מיט דעם שיין פון דער ליכטיקער און וואַרעמער זון און ארומגערינגלט מיט פאַלמען און אייל־בערט־בוימער, שטייט אף דעם בארג מודעית דאס קליינע, שטילע שטעטעלע, וואו עס וואוינט זומער־צייט דער כהן־גדול מתתיהו מיט זיינע פינף זין: יוחנן, שמעון, יהודה, אליעזר און יהונתן.

שטיל און רואיק איז געוועז אין דעם קליינעם שטע־טעלע פיל יאָרן נאכאַנאַנד, ביז עס איז געקומען דאס גרויסע אומגליק אף דאס גאנצע לאנד און האט פאַרכאפט אויך דאס רואיקע, שטילע שטעטעלע. ווען דער שטורם רייסט ארויס מיט די וואָרצלען די גרויסע, שטארקע, הונ־

דערט־יאָריקע צעדערן — קען דען בלייבן שטיין דאָס קליינינקע, שוואַכינקע קירשן־בוימעלע?

א גאַנצע מחנה יונים (גריכן) מיט זייער קאָמאַנדיר האָבן פאַרנומען אַלע גאַסן — אין מיטן שטעטל, אויפן מאַרק, שטייט שוין א מזבח אָנגעגרייט צו ברענגען א קרבן די גריכישע אָפּגעטער.

— „גייט! גייט! — שרייט דער שר פון די יונים; —קניקט, בוקט זיך צו אונזערע געטער, צו די געטער, פאַר וועלכע עס קניט אויך מיין גרויסער, שטאַרקער קעניג אַנטיוכוס! וואַרפט אַוועק אייער גאָט, וועלכער האָט אייך פאַרלאָזן און איבערגעגעבן אין אונזערע הענט, וואַרפט אַוועק אייער תורה, דורך וועלכע איר האָט איבערגעטראָגן אַזוי פיל צרות, שלעג און שמערצן... אייער בית־המקדש איז פוסט, אייערע פּאַלאַצן פאַרוויסט, אייערע אוצרות באַראַבעוועט, טויזנטער און צענטויזנטער נפשות זיינען געפאַלן פון אונזער שווערד: דאָס גאַנצע לאַנד איז געוואָרן ווי איין גרויסער בית־עלמין באַדעקט מיט קברים, און וואָס א טאָג פאַלן אַלץ נייע און נייע נפשות, פאַרגייען פון הונגער, פון נויט, און שמערצן... און אין דעם נאָמען פון מיין קעניג, דעם גרויסן, שטאַרקן אַנטיוכוס, וועלכן עס זיינען אונטערטעניק צענדליקע פעלקער און פאַר וועלכן עס ציטערט די גאַנצע וועלט, אין זיין נאָמען זאָג איך אייך"...

אין דער מינוט האָט זיך דאָס פאָלק צעטיילט אויף ביידע זיידן, דורכלאָזנדיק צום שר אן אַלטן גרויען מאַן...
„— דער כהן... דער כהן־גדול גייט"... האָט זיך דערהערט פון אַלע זייטן...

אָנגעטאָן אין בגדי שרת, אין די הייליקע קליידער, מיט דעם חושן־ואפוד אויף דער ברוסט, מיט דער מצנפת און דעם ציץ אויפן קאָפּ, איז צוגעגאַנגען צו דעם שר דער אַלטער גרויער מתתיהו.

זיינע לאנגע און שניי־ווייסע האר און זיין גרויע באָרד האָבן געגלאַנצט אין דעם שיין פון דער זון; זיינע באקן זיינען געווען בלאַס און דער גאַנצער קערפּער האָט אויסגעזען מיד און אָפּגעשלאַפט, נאָר אין די אויגן האָט געגליט א הייסער פייער פון פארבארגענעם צאָרן און איבער זיינע בלייכע ליפּן איז צייטנווייז איבערגעלאָפן א ציטערניש ווי בא א מענטשן, וועלכן עס כאַפּט דורך די קעלט אין א גרויסן פראָסט...

„— מתתיהו!" — האט זיך געווענדט דער שר צו דעם אלטן כהן — „דיין קאָפּ איז באַדעקט מיט גרויע האר און מיט דעם הייליקן מצנפת, און אף דער ברוסט ליגט די הייליקע גייסטלעכע צירונג; הער־זשע אויס מיינע רייד; צו דיר, צו דיין פארשטאנד ווענד איך מיך איצט מיט מיינע ווערטער:

„האָב רחמנות אף זיך, אף דיין הויז־געזינט און אף דיין פאלק, וועלכעס וועט דיך פאלגן און טאָן אלץ, וואס דו וועסט באַפעלן, דער גרויסער שטארקער קעניג אנטיוכוס מלך יון רעדט צו דיר מיט מיינע ליפּן: גיי צו צו דעם מזבח און ברייננג דעם קרבן, וועלכער...

„— ניין! — האט א געשריי געטאָן דער אלטער מתתיהו — ניין! איך וועל ניט צוטרעטן צו דיין מזבח, איך וועל נים קניען פאר דיינע שטיינערנע. שטומע און טויטע אָפּגעטער! איין גאט איז דא אף דער וועלט, איין איינציקער, דער גרויסער שטארקער גאט, וועלכער האט באַפרייט מיין פאלק פון קנעכטשאפט, באהיט און באשיצט פון טויזנטער אומגליק! צו אים, צו דעם איין איינציקן, גרויסן, שטארקן, ליבן גאט הויב איך אוף מיינע הענט... הימל און ערד, בערג און טאלן! זייט מיינע עדות, הערט מיין גרויסע, מיין אייביקע שבועה: מיט מיין גאנצן הארצן, מיט מיין פארשטאנד, מיט אלע געפילן און געדאנקען, מיט יעדן גליד, יעדן אדער, ביז דעם לעצטן טראָפּן בלוט,

ביז דעם לעצטן אויגנבליק וועל איך דינען דעם איינציקן גאט, דעם גאט פון מיינע עלטערן, צו אים וועל איך שטרעקן מיינע הענט, צו אים וועט זיך ציען מיין האַרץ, צו אים, צו זיין גרויסער, אויביקער מאַכט און הערלעכ־קייט וועט פליען מיין געבעט. פאַר אים וועלן זיך גיסן מיינע טרערן!.. און דו, מיין פיינט און דער פיינט פון מיין פאָלק, וואָס דו ביסט געקומען מיט אייזן און פייער אין אונזער לאַנד, האָסט צעשטערט אונזער הייליקטום, באַרויבט אונזערע הייזער, אַלט און יונג, פרוי און קינד געשעכט מיט דיין שווערד, איך שטיי פאַר דיינע אויגן שטאָלץ און קרעפטיק! איך וועל ניט צוטרעטן צו דיין אומריינעם מזבח! איך וועל מיך ניט צורירן צו דיין קרבן. איך וועל מיך ניט בוקן צו דיינע געטער... איך פאַראַכט דיך, דיין קראַפט און דיין צאָרן... איך...

„— שווייג!!״—האָט אויסגעשריען דער שר, כאַפנדיק זיך צו זיין שווערד — „שווייג! פאַר דיינע רייד וועט דיר באַצאָלט ווערן אין גיבן... נאַר, שטיי, וואַרט אויס... אַט באַלד וועסטו זען ווער פון אונז איז שטאַרקער... מיינע גבורים! ציט אַרויס אייערע שווערדן, רינגלט אַרום דאָס פאָלק פון אַלע זייטן... נו, און איר — האָט ער זיך גע־ווענדט צום פאָלק — איר, פאַרשאָלטענע קנעכט! נעענטער, נעענטער צום מזבח! קניט, בוקט זיך! קושט די שטיינער, וועלכע ליגן דאָ פאַר אייך... נו!!...״

הערנדיק די בייזע, שרעקלעכע ווערטער, דערשראָקן און פאַרציטערט — איז צוגעגאַנגען איינער פון די איינ־וווינער צו דעם מזבח.. זיין קאָפּ האָט זיך איינגעבויגן, און, ציטערנדיק מיט אַלע אברים, איז ער געפאַלן אויף די קני...

„— האַללאָ״! — האָט אויסגעשריען דער שר מיט פרייד.

„— האללאו!!״—האבן געענטפערט הונדערט קולות פון דעם חיל...

נאר אין דעם אויגנבליק האט אויסגעבראכן אן אומ־דערוואַרטער, שרעקלעכער צופאל:

מיט פלאַמענדע אויגן, פאַרציטערט פון צארן, איז אופגעשפרונגען דער אלטער גרויער מתתיהו... אין זיין דארער, אלטער האנט האט א בלישטשע געטאן א גרויסער, שארפער מעסטער, און אין איין מינוט זיינען געפאלן צו זיינע פיס דער קניענדער ווידערשפענסטיקער און דער שטארקער, שטאלצער שר...

„— ברידער מיינע, קינדער!...״ האט אופגעהויבן זיין קול מיט א גרויס געשריי דער אלטער כהן־גדול: „שטייט אוף, שטייט אוף, איר דערשראָקענע, דערשלאָגענע, אומ־גליקלעכע! צו מיר, צו מיר!״...

אימת־מות איז געפאלן אף דעם חיל... אוועקוואַרפנ־דיק דאס געווער, פאַרציטערט, זעענדיק זייער שר א דער־שלאָגענעם און דעם אלטן מאַן מיט דעם מעסער אין דער האַנט, האבן זיך אוואָרף געטאָן ארום פון שטעטל די שטארקע, שרעקלעכע גבורי־חיל... ווי די האָזן, דערהערנדיק די שטימע פונ׳ם יעגער, זיינען זיי זיך צע־לאָפן אין אלע זייטן, פארקראָכן אין די היילן אונטער די פעלזן, אין די וועלדער און אין די טאָלן...

און דאָרט, אף דעם בארג מודעית, האט געשאָלט, הילכיק און שרעקלעך, דער קול פונ׳ם אלטן, גרויען מאַן:

„— שטייט אוף, שטייט אוף, מיינע ברידער, מיינע קינדער! ווער איז צו גאט — צו מיר! פאָראויס! פאָראויס!...״

ווי א דונער, וואס וועקט אוף הונדערטע ווידער־קלאנגען פון בערג און טאָל, איז געגאַנגען דער אופרוף

פון דעם אלטן, גרויען מאן איבער די שטעט און דערפער, פון הויז צו הויז... איינער נאך דעם אנדערן זיינען אופגע־שטאנען, אלט און יונג, גרויס און קליין; שטארקע און גרויסע מחנות־היל האבן זיך צונויפגעקליבן ארום מתתיהו און זיינע פינף זין די גבורים... אף טויזנט פונקטן האט זיך פון דאסנייי פארקאכט די מלחמה...

ניט איין טאג, ניט צוויי האט געדויערט, נאר דער נצחון איז געגאנגען טריט אף טריט נאך דעם אלטן כהן און זיינע פינף זין און... פיל טעג זיינען נאך פארגאנגען, פיל בלוט איז נאך פארגאסן געווארן ביז עס איז געקומען דער גרויסער, הייליקער גליקלעכער טאג — כ"ה כסלו!!...

די גאנצע וועלט האט געקלונגען מיט דעם נאמען פון דעם גרויסן העלד יהודה המכבי. זעקס שטארקע העלדן מיט זייערע חילות זיינען געפאלן פון זיין האנט; פיל אנדערע גבורים מיט זייערע חילות זיינען צעשטערט געווארן פון די איבריקע פיר זין פון מתתיהו — און גאנ־צע הונדערט יאר האט דאס לאנד ישראל אפגעלעבט שטיל און רואיק, באפרייט און באשיצט פון שרעק און שמערצן...

III

אט וואס פאר א בילדער און סצענעס טראגט אין זיך דער זכרון פון א פאלק. ווי עס דארף זיך, כדרך הטבע, פילן א פאלק, דערמאנענדיק זיך אף אזעלכע צייטן — דאס איז שוין א באזונדערע שאלה. א פאלק איז דאך ניט איין מענטש, ובפרט — דאס פאלק ישראל, אידעלעך, זאלן לעבן, וואס זיי זיינען דא אף גאטס וועלט אזויפיל ווי די שטערן אפן הימל און דער זאמד אפן ברעג ים, קיין בייז אויג זאל זיי ניט שאטן!.. מיינונגען אין דעם ענין קענען זיין א סך, איבערערבענען זיי איז אוממעגלעך;

וויכטיק איז אבער דא נים יעדע באזונדערע דעה, נאר דער סך־הכל...

א טאג נאך א טאג — גייען יארן אוועק,
עס דרייט זיך און דרייט זיך דאס רעדל..
אך, זאגט־זשע מיר, וואס איז געבליבן בא אונז?
„—געבליבן? — דאס חנכה־דריידל!"

דאס דריידעלע דרייט זיך, דאס דריידעלע זשומט,
ישראל׳יקל קוויקט זיך... א חיות!
ער דרייט עס און דרייט עס אכט טאג נאכאנאנד
און קוויקט זיך—עס ווערט גארניט מיאוס.

פיר אותיות אויסגעקריצט זע איך אף דעם —
זיי שיינען פון אלע פיר זייטן...
„—דו זעסט? שרייט ישראל׳יק מיט נחת—דו זעסט?
און ווייסט, אקארשט, וואס זיי באדייטן?..."

———

— נו, אדרבא, ישראל׳יק, זאג!

און ישראל׳יק זאגט:

„— ויהי און ס׳איז געווען. אז מען האט גובר גע־ווען דעם דאס... דעם ע־ע־ע... דעם מלך יון, איז מען געקומען, אין בית־המקדש אריין, איז מען געקומען, און מען האט—ע־ע־ע... האט מען—ע־ע־ע ווידער אופגעבויט דעם דאס... דעם מזבח, מיין איך און די מנורה מיט די... מיט... נו מיט אלץ וואס מען דארף און דערנאך... דערנאך איז..."

— נו, ישראל׳יק, און דערנאך איז וואס געווען?

„— און דערנאך! — טוט זיך א כאפ ישראל׳יק מיט א פלאס־פייער אין די אויגן — דערנאך האט מען אנגעהויבן צו זוכן בוימאייל, אנצוצינדן די מנורה, האט מען נים געפונען, האט מען ווייטער געזוכט, און אז מען

האט ווידער געזוכט, האט מען דערזען אין א ווינקעלע א קליין קריגעלע מיט בוימאייל, א ברעקל קריגעלע מיט עט־לעכע טראפנס, איז האט מען אריינגעגאסן אין די מנורות אריין און מען האט אנגעצונדן... איז געווארן א נס — דאס קאפיטשקע בוימאייל האט געברענט גאנצע אכט טעג!!!...״

— וואס? סך־הכל אכט טעג? ניין, ישראל'יק, ניין! דו האסט א גרויסן טעות: דער נס איז געווען פיל גרע־סער — דאס ביסעלע בוימאייל האט געברענט מער ווי אכט טעג... פיל מער: עס האט געברענט גאנצע צוויי טויזנט יאר!

יא, צוויי טויזנט יאר האט אונז געשיינט דאס ליכט פון דאס ביסעלע בוימאייל, וואס מ׳ען האט קוים־קוים אופ־געזוכט אין א ווינקעלע, אין דעם בארויבטן, פארוויסטן טעמפל, און גליקלעך, גליקלעך זיינען מיר וואס אונזערע פיינט, וועלכע האבן בא אונז צוגענומען אלע אוצרות, האבן אונז איבערגעלאזט די עטלעכע טראפנס בוימאייל!... אלע פאנצערן, פיילן, שפיזן און שווערדן און אלע שענסטע און טייערסטע צירונגען פון אונזערע פאלאצן, טורמען און טעמפלען, זיינען ניט ווערט אי איין טראפן פון דעם הייליקן, וואונדערלעכן ביסעלע בוימאייל!.. די מכבי'ער זיינען געווען אונזער לעצטער נצחון אף דעם שלאכט־פעלד; אונזערע פאליטישע פרייהייט האט געמוזט אן ענדע נעמען; גאנץ בלייבן האט געדארפט נאר דאס ביסעלע בוימאייל — דאס שטיקעלע אמונה, וואס איז אריינגעלייגט געווארן אין אונזערע הערצער, כדי מיר זאלן ניט פאר־שוואונדן ווערן פון דער וועלט...

און אט דאס ביסעלע בוימאייל האט שוין אפגע־ברענט צוויי טויזנט יאר!

אך, וויפיל פינסטערע, שרעקלעכע נעכט האבן מיר איבערגעלעבט! דורך וואס פאר גרויסע טיפע וועלדער

זיינען מיר דורכגעגאנגען! וויפיל בייזע, גיפטיקע שלאנגען זיינען געקראָכן ארום אונז, וויפיל חיות־רעות האבן מיר באגעגנט אף אונזער וועג! וויפיל...

אוי־אוי, ווי דער זכרון ארבעט! טויזנטער בילדער פליען פאר אונזערע אויגן — און אט גיי נאָר זאָג, ענטפער אף דער שאלה: איז גוט אָדער שלעכט וואס די נאַטור האט אונז, אידן געשיינקט אזא גוטן זכרון... האָ? ווי מיינט איר, רבותים? גוט?

יאָ, מיינע ברידער און שוועסטער, — מיין אָרעמע, קראנקע, אומגליקלעכע פאָלק! לייען, לייען און חזר איבער, טויזנט מאָל די אָפגעבראָכענע, אפגעבליאַקעוועטע, טייערע און הייליקע בלעטלעך, אף וועלכע עס שטייט פארשריבן די געשיכטע פון מתתיהו כהן־גדול! גליקלעך איז דער קעניג, וואס שטארבט מיט דער קרוין אפן קאָפּ.

ווי גרויס, ווי שיין איז געווען אונזער וועג, וועלכן מיר האבן אנגעהויבן מיט משה־רבנו און געענדיקט מיט יהודה המכבי! אט דאָס הייסט — לעבן א קעניג און שטארבן א קעניג! קניט פאר די הייליקע קברים אין וועלכע עס ליגן אונזער גבורה און אונזער כבוד; אונזער רייכטום און הערשאפט, בוקט זיך צו די טייערע מצבות, קושט דעם שטויב פון דער הייליקער ערד, און אופשטייענדיק ווידער אף די פיס גייט ווייטער און ווייטער אין אונזער לאנגן, שווערן וועג, פארגעסט נאר ניט אף דאָס ביסעלע בוימאייל... זוכט, זוכט אין אלע ווינקעלעך פון אייער הארץ, צינדט אן יעדן טראָפּן פון דעם עכטן און ריינעם גלויבן, וועלכער האט געברענט און געשיינט אין אונזער פינסטערן לעבן! גלויבן און וויסנשאפט, האָפנונג און ליבע — אט וואס עס איז געווען אין דעם קליינינקן קריגעלע, וועלכער איז אונז געבליבן נאָך דעם חורבן פון אונזער בית־המקדש...

אך, גיס=זשע זיך, גיס זיך,
דו הייליקעס פּוימאייל,
אין אונזער באַטריבּטעס
פארוואונדעטעס הארץ
שטיל=איין אונזער ווייטאָק,
צעשטער אונזער צווייפל,
פאריאָג אונזער טרויער,
פארהייל אונזער שמארץ!
גיב קראַפט אונז און האפנונג —
מיר זאלן דערלעבן
די זיסע, די ליבּע,
די ליכטיקע טעג,
עס זאל שוין אויך אונזער
פארוואלגערטעס שיפל
באפרייט זיין פון שטורם,
פון דונערן, בליצן
און קומען צום שטילן
און גליקלעכן ברעג!..

די לעצטע קאפּיקע.

(א באבע=מעשה).

I

אין א געוויסן שטעטל מיטן נאמען שמוינעוועקע, דארט וואו אמאל האט געוואוינט ר׳ לייבעלע פעלצעל זכרונו לברכה און וואו פון דעמאלט אן גייט ניט דורך א יאר, אז עס זאָל ניט געבּאָרן ווערן א זעקס=זיבן צווילינגס, — אין דעם דאזיקן בארימטן שטעטל האט זיך געטראפן א געשיכטע, וואס ס׳איז כדאי צו דערציילן.

אמאל, אין א ליכטיקן שיינעם פרימארגן, איז מען

געוואר געוואָרן, אַז אין גאַנץ שטעטל איז ניט געבליבן אפילו אַן איינציק מזומענע קאָפּיקע.

אין פּלוג איז דאָס גאָר אַ ווילדע זאַך, וואָרום ווי געשיקט זיך, אַז עס זאָל בײַ אידן ניט בלײַבן אפילו אַ קאָפּיקע?

אמת, עס טרעפט זיך, אַז כמעט בײַ אַ האַלבער שטאָט אידן געפינט זיך ניט נאָר אַ מזומענע קאָפּיקע, אפילו קײַן צעבראָכענער גראָשן ניט און ס'איז ניטאָ ניט קײַן מעל אויף חלה, ניט אַ בינטל שטרוי אויף הייצונג, ניט אַ שטיקל העמד אויפן לײַב און דערבײַ טאַקע איז דאָ אַ בעל־טאַקסע מיט געבראַטענע קישקעס, אַ ראַבינער, וואָס עסט יעדן טאָג ראַקעס און טרינקט קאַווע מיט סעכערלעך, היינט וואו איז, איך בעט אײַך, אַ דאָקטאָר מיט אַ טרפה קיך, אַן אַפּטייקער מיט אַ געגאָלטער מאָרדע, אַ פּאַרוואָ־לינע, וואָס שפּילט שבת אין קאָרטן און אַ איד אַ חלפן, וואָס כאַפּט אים אָן, ווייסט ער וויפיל פּערענעס, קישן און לײַכטער זײַנען פאַראַן אין שטעטל, — אָט די אַלע, כּי־שטיינס געזאָגט, כּלי־קודש, אָן וועלכע עס קען קײַן קיום ניט האָבן דאָס קלענסטע אידישע שטעטל אויף דער וועלט?..

נאָר ווי די מעשה איז, קומען אָבער פאָר אויף דער וועלט זאַכן וואָס גאָר שלא כדרך הטבע. בכן דערצייל איך אײַך, האָט זיך געטראָפן אין שמוינעוויקע, אַז זוך פון היינט ביז מאָרגן וואָלט זיך ניט געפינען לא עליכם אַ איד, וואָס בײַ אים איז געבליבן אפילו אַן איינציקע קאָפּיקע, ממש, ווי מען זאָגט, באַטש צאָל אַ רענדל פאַר אַ קאָפּיקע.

אַז דאָס האָט דערוואוסט דער רב, האָט ער ראשית־דבר געוואַשן די הענט און געמאַכט שהחיינו און דערנאָך געשיקט לאָזן בעטן צו זיך די גרעסטע בעלי־בתים אויף אַן אסיפה.

דער שמש איז אַרומגעלאָפן ווי א פאַר׳סמ׳טער אין אלע גאַסן, און טאַקע באַלד נאָך מעריב איז דער עולם זיך צונויפגעגאַנגען באם רב.

דער רב האָט גענומען א ברייטן שמעק־טאבאַק, אויסגעהוסט זיך און געזאָגט בזה הלשון:

„— רבותים! צו דעם בורא־עולם קען מען קיין טענות ניט האבן; אודאי איז ער גערעכט און זיין משפט איז רעכט. און א איד איז מחויב אלץ אננעמען פאַר ליב; ווארום בעוונותינו הרבים זיינען מיר אודאי ניט ווערט אפילו א טויזנט־חלק פון זיין גענאַד און לייטזעליקייט, וואס ער טוט מיט אונז. בכן איז דער שכל מחיב, אז דאָס וואָס גאָט ברוך הוא טוט מיט אונז איז לגמרי נאָר פאַר זכות אבות. — ובפרט, רבותים, ביאת־המשיח, וואס דאס איז די גרעסטע זאַך אף דער וועלט און אף וואס אידן וואַרטן שוין טויזנטער יאָרן. ווי, זאָגט מיר, געשיקט זיך, אז מיר, איך בעט אייך מחילה, מיט אונזערע מעשים־טובים, אונזער פרומקייט און אונזער אידישקייט זאָלן האָבן דעם זכות צו מקרב זיין די גאולה?... נאָר אף גאָט פרעגט מען קיין קשיות ניט. די גמרא זאָגט: אין בן דוד בא עד שתכלה פרוטה מן הכיס... אידן! גיט אפּ א שבח צו זיין ליבן נאָמען: אין גאַנץ שמוינעוועקע איז ניט גע־בליבן קיין איינציקע קאָפּיקע. איז בכן גרייט זיך, אידן, צו „ביאת־המשיח!“...

עטלעכע מינוט איז דער עולם געזעסן ווי א פאַר־טומלטער. ביאת־המשיח!... עפּעס א קלייניקייט צו זאָגן — גרייט זיך צו ביאת־המשיח.. אמת, וואסער איד איז ניט מוכן ומזומן יעדן טאָג, אז אט וועט זיך דערהערן דער קול פון שופר, די לאַנגע תקיעה־גדולה, וואָס וועט גיין פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטן, און אף דעם באַרג זיתים וועט זיך באַווייזן דער גואל־צדק רייטנדיק אפן ווייסן פערד... אָבער גלאט אזוי זאגן מיט אמאל: גרייט זיך, משיח גייט!!...

— רבי — האט זיך צולעצט אנגערופן איינער פון די בעלי־בתים — איז הייסט עס פאלעסטינע, מיט די חובבי־ציון הייסט עס און מיט די קאלאניעס...

נאר דא האט זיך אופגעהויבן מנשה־מענדל דער פאדריאטשיק, האט ארויסגעשלעפט פון בוזים־קעשענע א גראב פעקל פאפירן, איבערגעבינדן מיט א בלויען וואלע־נעם פאדים, א פאטש געטאן אין טיש און געזאגט:

— רבותים!ווארט אויס א ווײלע... איך האב אקוראט היינט צונויפגעפירט דעם חשבון פון דער פאסטראיקע, איך מיין פונם מרחץ מיין איך, און האב טאקע ברעה געהאט צו בעטן דעם רב זאל לעבן מאכן אן אסיפה, כדי ..

— הא? וואס? — האבן זיך דערהערט קולות פון אלע זייטן: — וואס חשבון?... ווער חשבון?.. וואס וויל ער איצט מיט זיינע חשבונות?..

— שאט, רבותים, שאט! — האט זיך דא דער־הערט דעם רב'ס קול: א נותר... שאט, רבותים, א נותר... א נותר?!?!

אין איין רגע זיינען אלע, ווי מען זאגט, פארשטומט געווארן.

— זאגט, רב משנה־מענדל — האט זיך דער רב געווענדט צום פאדריאטשיק:--זאגט, וואס האט איר געוואלט מודיע זיין דעם עולם?

— איך האב געוואלט זאגן, אידן, אז כפי דעם חשבון, כפי דעם סך־הכל מיין איך, איז דא אן אסטאטאק פון דער פאסטראיקע, איך מיין פונ'ם מרחץ מיין איך, איז לעת־עתה געבליבן בא מיר קהל'ישע געלט...

וויפיל?.. וויפיל?

— א קאפיקע.

און מנשה=מענדל האט טאַפּנדיק ארויסגענומען פון צווישן די צעטלעך א פּאַקעטיקל פון א שטיקל פּאַפּיר, צעוויקלט עס און ארויסגעלייגט אפן טיש א קאָפּיקע.

א מינוט פינף האט געדויערט אין א טויטן שטיל=שווייגעניש איבערן גאַנצן צימער, וואו ס'איז געזעסן די אסיפה, די נאָענטערע האבן געקוקט אף די קאָפּיקע עפּעס ווי צעמישטע, יונגע לייט האבן אויסגעצויגן די קעפּ צו דערזען כאָטש פון ווייטנס די קאָפּיקע, גלייך ווי זיי וואָלטן נאָך קיינמאל ניט געזען א צורת מטבע אין די אויגן.

צולעצט האט זיך ווידער אנגערופן דער רב און געזאָגט:

— א נותר, זאָגט איר, רב מנשה=מענדל? אודאי זייט איר גערעכט, א נותר איז א נותר, נאָר אפשר האט איר זיך טועה געווען, רב מנשה=מענדל? אין א חשבון מאכט זיך אמאָל פאַרשטייט איר מיך, א טעות...

— א טעות! א טעות! אודאי א טעות!! — האבן זיך דערהערט קולות פון אלע זייטן, — נאָט אייך אין מיטן דרינען אן אסטאַטאָק! באַם פּאָדריאַטשיק אן אסטאַטאָק!..

— ס'איז בנאמנות א קאָמעדיע מיט אידן! — האט זיך צעפּייזערט מנשה=מענדל:—פּשוט אן אקט. ווי איך בין א איד!.. פּאָר א יאָרן באַם חשבון, ווען איך האב מודיע געווען, אז עס פעלט געלט צו דער פּאָסטראָיקע, האט דער עולם געליאַרעמט: „ס'א ליגן, ס'א ליגן, ס'מוז נאָך זיין אן אסטאַטאָק לכל=הפחות ק'ן רובל"... וואָס? אפשר ניט אמת? און איצט, אז איך זאָג אליין, ס'איז דא א נותר און לייג אים ארויס א מזומנעם, איז נאָט אייך אקוראַט קאַפּויער...

— רב מנשה=מענדל — האט זיך דא אריינגעמישט דער רבי: — איך בעט אייך טויזנט מאל מחילה... מילא

וואס, יונגע לייט, נאַרן, ווי פארשטייען אליין ניט וואס זיי ריידן... עט. נעמט זיך ניט צום הארצן... דער עיקר איז דא ניט דער חשבון — די קאפיקע איז דער עיקר. ווארום איר פארשטייט...

און דא האט זיך דער רב ווידער געווענדט צו דער אסיפה!

— רבותים, — האט ער געזאָגט — בעוונותינו הרבים איז. ווי עס זעט אויס. נאך ניט געקומען די צייט, אז מיר, אידן, זאלן דערלייזט ווערן. משיח קען נאך ניט קומען, ווייל דאס וואס די גמרא זאגט איז בא אונז ניט מקוים געווארן, — בא קהל, ווי איר זעט, איז נאך דא געלט...

רבי — האט זיך אנגערופן איינער פון די בעלי-בתים, א איד א חכם, אין די פריערדיקע יארן דער ערשטער בעל-עצה אין אלע קהלישע זאכן: רבי, האט ער געזאגט, מילא, דארף מען באקלערן דעם ענין און געבן זיך אן עצה.

— אדרבא — האָט געענטפערט דער רב — זאגט איר, רב קלמן, וואס זאל מען טאן?

רב קלמן איז געזעסן פארטראַכט א פּאָר מינוט און צולעצט האט ער אזוי געזאגט:

— רבי, איך מיין, אז די קאָפּיקע זאל מען ארייַנוואַרפן אין טייך.

— אין טייך — האט זיך דערהערט צווישן די יונגע לייט — איר הערט, ער זאגט: אריינווארפן אין טייך...

— שאַ! שאַ! האט אויסגערופן דער רב — שווייגט, יונגע לייט, לאזט ריידן... מ-מ-ע... און וואס מיינט איר ווענן דעם, רב-שלמה, רב אברהם-בער, רבי מרדכי...

רב שלמה, א איד א למדן, האט פארנומען די האנט אין בארד, א הוסט געטאן און געזאָגט:

— אין טייך? ניין. אין טייך נישט. ווארום ראשית, איז דאס פשוט עובר זיין אף בעל־תשחית, און צווייטנס, איז דאס גלאט קיין פלאַן נישט: די קאַפּיקע קאָן איינשלינגען א העכט און ווער ווייסט ווער עס וועט זי כאפן... וואס? אונז זאל אקוראט דעם העכט אדער אליין כאפן, אדער קויפן און ווידער טאקע באקומען די אייגענע קאפיקע. אלא וואָס? מיר זיינען נישט קיין פישער און קויפן וועלן מיר אויך נישט. ווארום ס'איז קיין געלט נישטאָ. אמת, נאר פאר נאט איז דאך אבער נישטא קיין אוממעגלעכקייט... בכן איז מיין עצה: היות, אזוי ווי פטור צו ווערן פון די קאפיקע דארף מען כדי צו מקרב זיין גאולה, איז די עבירה פון בעל־תשחית שוין נישט אזוי גרויס און אזוי ווי אין טייך ווארפן איז קיין פלאַן נישט, זאל מען די קאָפּיקע בעסער אריינווארפן אין מקוה. אין מקוה כאפט מען קיין פיש נישט און חוץ דעם איז דארט אפן גרונט אזא טיפע און געדיכטע בלאָטע, אז די קאפיקע וועט אין איר איינזונקען און ווערן אף אויביק.

— יאָ! יאָ! אט דאס איז טאקע א פלאַן — האבן זיך דערהערט קולות ארום.

— ניין, ליבע אידן, דאס איז גאר קיין פלאַן נישט!— האט זיך אנגערופן רב מרדכי יאנעווער, א איד א משכיל, שוין א יאר פופצן בליוסטיטעל אין תלמוד־תורה: דאס איז קיין פלאַן נישט — נעבעך קהל'שע געלט און ווארפן אין בלאָטע. בעסער אט וואס: שוין א יאר צען אז אין תלמוד־תורה קאפעט דורך דער סטעליע ווייל אין דאך זיינען עטלעכע לעכער. איז וואלט זיין א יושר, אז די קאָפּיקע זאל מען אסיגנירן אף רעמאָנט אין דער תלמוד־תורה. ווי מיינט איר, הער גלאָזמאן?

רב שלמה גלאָזמאַן, דער קאַזנאַטשיי פון דער גרוי־
סער שול אין שמוינעוקע, האָט זיך אַ גלעט געטאָן דאָס
סיווע בערדל און געזאָגט:

— אודאי, רב מרדכי, זייט איר גערעכט. די תלמוד־
תורה דאַרף טאַקע רעמאָנט און ס׳וואָלט טאַקע בפירוש
זיין אַ יושר... נאָר ניט איצט. וואָרום אַז באַלד משיח
וועט קומען, וועלן מיר דאָך מער ניט דאַרפן דאָ קיין
תלמיד־תורה. אמת טאַקע מ׳וועט ניט דאַרפן קיין בתי־
מדרשים און קיין שולן אויך ניט. נאָר צווישן אַ תלמוד־
תורה און אַ בית־מדרש איז אַ גרויסער חילוק! אַ תלמוד־
תורה איז דאָך ניט מער ווי אַן אוטשילישטשע, אַ שקאָלע,
נאָר אָפן אידישן אָרט, אַ שול אָבער, אַ בית־מדרש איז אַ
מקום קדוש. אין תלמוד־תורה, זאָגט איר, קאַפּעט דורך
דער סטעליע. נו, און אין שול בא אונז קאַפּעט דען ניט?
בא אייך איז אין דאָך דריי לעבער און בא אונז אין שול
איז דרייצן. מיר וועלן טאַקע, אַז אם ירצה־השם משיח
וועט קומען, ניט מיטנעמען מיט זיך ניט די תלמוד־תורה,
ניט די שול. אָבער איבערלאָזן דאָ אַ שול, אַ מקום קדוש,
מיט לעכער — איז אַ חלול־השם. בכן איז מיין עצה, אַז
די קאָפּיקע זאָל מען אסיגנירן אויף רעמאָנט אין אונזער
שול — עס זאָל חס־ושלום קיין חלול השם ניט זיין...

חילול השם זאָגט איר? — האָט זיך דאָ אַרויסגע־
באַפּט מיט אַ קוויטש רב גרשון טשוואָק, דער גבאי פון
חברה קדישא: — חילול השם, רב שמואל! ניין, לאָזט מיך
ריידן... אַ שול איז אודאי אַ מקום־קדוש און איז פיל
גרעסער פון אַ תלמוד־תורה. נו, און אַ בית־עלמין? האַ?
דער רב זאָגט: משיח וועט קומען. גוט. וועלן מיר אַרויס־
נעמען פון שול די ספרי־תורה׳ס, די מנורה פון עמוד, די
הייגלייכטער, די פרוכת׳ן, דעם כיור. אפילו אַלע שמות
פון אונטער דער בימה אויסראַמען, איז בלייבן נאָר פיר
ווענט מיט אַ פּאַקרישקע; דער בית־עלמין אָבער מיט די

קברים און מיט די מצבה׳ס וועט דאך בלייבן דא אינגאנצן, היינט זאגט, רבותים, אז אַט איז שוין צוואנציק יאר אז דער בית־עלמן שטייט כמעט גאר אָן א פּאַרקאַן און חזרים, בהמות און פערד גייען זיך אַרום צווישן די מצבה׳ס און פאַרגאַדיען די קבר׳ים, איז דאס ניט א חלול־השם? און וואָלט דען ניט זיין א יושר, אז מען זאל די קאָפּיקע אוועקגעבן אף א פּאַרקאַן צום בית־עלמן, דער בית־עלמן איז בילכער פון א שול, און חוץ דעם האבן אונזערע בתי־מדרשים דאָכאָד מער פונ׳ם בית־עלמן...

— דאָכאָד — זאָגט איר? — דאָכאָד?! — האט זיך אופגעכאפּט גלאָזמאַן: — ווי הייסט? מיר גיבן דען ניט אָפּ חשבון פון יעדער קאָפּיקע?

— און פון ראַסכאָד אף תיקון אויך? — האט זיך דא דערהערט מיט א געלעכטער׳ל פון צווישן דער יונגער חברה.

— הא וואָס? אף תיקון? — האט זיך צעשריען גלאָזמאַן: — און חברה־קדישא, די שבורים, די פּיאַניצעס! פון זיי נעמט איר דען אָפּ ווען ניט איז אַטשאָט?...

— הער גלאָזמאַן! איך בעט אייך איינהאַלטן אביסל די צונג! — האט א קוויטש געטאָן רב גרשון טשוואק, — בעסער זאַטשעפּעט זיך ניט, ווארום...

רבותים! רבותים! — האט זיך א כאַפּ געטאָן דער רב — איך בעט אייך... גוואלד, בעלי־בתים... אידן...

. . . .

. . . .

II

אין דעם זעלביקן אוונט בשעת פּאַם שמוינעווקער רב איז געזעסן די אסיפה, איז געקומען צו משיח׳ן א

שליח מן השמים און האט אים געגעבן צו וויסן, אז אזוי און אזוי: אין א שטעטל מיטן נאמען שמוינעווקע איז בא אידן ניט געבליבן קיין איינציקע קאפיקע. איין קאפיקע א קהל׳שע איז אפילו נאך דא, נאר דארט זיצט באם רב אן אסיפה און מען וועט זיך שוין בודאי אן עצה געבן, וואס צו טאן מיט דער קאפיקע, — אידן זאלן לעבן מאכן א תל פון קהל׳שע הונדערטער און טויזנטער, וועט איבער א קאפיקע שוין מן־הסתם קיין עיכוב ניט זיין, בכן מוז דאך מקוים ווערן וואס די גמרא זאגט וועגן ביאת־המשיח.

— קיין איינציקע קאפיקע? — האט זיך אנגערופן פארוואונדערט משיח, — היתכן? ווי געשיקט זיך, אז בא אידן זאל ניט בלייבן אפילו א קאפיקע? ובפרט בא היינ־טיקע אידן, וואס פאר א קאפיקע זיינען זיי גרייט אויס־רייסן איינער באם אנדערן בארד און פאות און פאר א רובל פארקויפן אן אייגנעם טאטן... בלייבט דאך די קשיא, ווי אזוי האט דאס נעקאנט פאסירן, אז א גאנצע קהילה קדושה זאל אזוי פאראַרמט ווערן? נאר פאר דעם בורא־עולם איז דאך ניטא קיין אוממעגלעכקייט און וואס די גמרא זאגט מוז דאך מקוים ווערן, — בכן דארף מען פארן.

משיח האט געהייסן ארויספירן פון שטאל דאס ווייסע אייזל און צוגרייטן דעם שופר.

דאס אייזל, וואס איז אפגעשטאנען אין שטאל כמה הונדערט יארן, איז געווען באדעקט מיט שמוץ און מיט שטויב, אזוי, אז מען האט אים קוים אפגעוואשן און אפ־געפוצט. דער שופר איז אויך פארשטויבט געווען און מען האט אים א גאַנצע שעה געדארפט ווייקן אין עסיק. און גאנץ נאטירלעך: זעענדיק און הערנדיק אלץ וואס טוט זיך בא אידן האט משיח גאר ניט געקענט קלערן, אז ער זאל אין גיכן דארפן פארן צו דערלייזן דאס פאלק ישראל. מילא, עס זאל ניט בלייבן בא אידן אפילו א קאפיקע פון

דעם איז דאך ניט געווען וואס צו קלערן, חוץ דעם, ווי
איר געדיינקט דאך, ברייננט די גמרא נאך א סימן אַף
משיחס צייטן: דור שכולו זכאי או שכלו חיב. — מילא
פון צדיקים איז דאך ניטא וואס צו ריידן: שיינע צדיקים
מישטיינס געזאגט זיינען איצט דא בא אידן... בלייבט דער
בטחון אף כולו חיב; ס׳הייסט: אַז אַלע זאָלן ווערן רשעים,
אפיקורסים, נאָר זאָגט מיר, איך בעט אייך, קאנט איר
היינטיקע אפיקורסים? ווייסט דען א היינטיקער איד, וואָס
הייסט זיין אן אפיקורס? אמאל, זעט איר, פאַרצייטן, זיינען
געווען אפי־ורסים טאַקע וואָס אפיקורסים הייסט. א פאַר=
צייטיקער אפיקורס פלעגט כמה יאָרן לערנען זיך צו זיין
אַן אפיקורס. לכתחילה איז דאס געווען א יונגער מאן מיט
אַ גוט, שאַרף קעפל צום לערנען, פלעגט בחור=ווייז זיצן
אין קלויז און דערנאך בא שווער און שוויגער אף קעסט
און לערנען — די פרויען=פראַגע פון מסכת יבמות; ארכי=
טעקטור פון מסכת עירובין; פראַוואָזשיטעלסטוואָ פון
גושן מיט די ערי מקלט—, בכלל לערנען, לערנען און
לערנען. — דערנאָך פלעגט צו אים ארײנפאלן א השכלה=
ביכל, א טרייף=פסול מיט קורצע אדער לאנגע שורה׳לעך;
דערנאָך פלעגט דער שווארץ=יאָר ברייננען א לערער פון
קאָזיאנע אוטשילישטשע, א גימנאַזיסט, א בלאַט „הלבנון“, א
ביכל „השחר“, צו שפּעטערע יאָרן — א נומער „המליץ“,
„הצפירה“; איינס מיבן אנדערן, באם יונגערמאַנטשיק פלעגט
ווערן אין קאָפּ א רעש, א מהומה, א פינסטערניש. ניט
פאַר אייך געדאַכט, ווי בשעת ליקוי=חמה, און ביסלעכווייז
פלעגט זיך אויסבילדן פון דעם געוועזענעם זיידענעם יונ=
גערמאן א פאַרמענער אפיקירס מיט אלע שמד׳שמיק, מיט
ווילדע קשיות, מיט פינכטעריע פירושים׳לעך, למשל מיט
אזא טייטש אף „לא תבערו“ אז עס פלעגט אויסקומען, אז
רויכן אום שבת איז כמעט א מצוה... אט מיט אזא
אפיקורס פלעגן זיך מלאכים ראנגלען און אים ניט בייקו=
מען; אַזא אפיקורס פלעגט דעם מלאך=המות אליין שטעלן

א פייג און שטארבן א מיתה־משונה מאקע אן תשובה און אן וידוי. זעט איר. ווען עס זאל ווערן א גאנצער דור אזעלכע אפיקורסים, וואלט שוין משיח קיין ברירה נים געהאט און וואלט געמוזט קומען. וואס אבער זעט מען בא איצטיקע אפיקורסים? — אידן פארן און רויכן אום שבת — פאסטן נים אפילו יום־כפור, עסן טרפות. פרואווט־זשע פרעגט אזא אפיקורס:

— פאר וואס רויכסטו אום שבת?

— ווייל איך וויל רויכן, — וועט ער אייך ענטפערן.

— למאי פארסטו?

— ווייל איך וויל נים גיין צופוס.

— למאי פאסטו נים יום־כפור?

— ווייל איך וויל עסן.

קורץ און גוט, אן פירושים; ווארום כאפט אים אן, קאן ער אפילו קיין עברי נים און האט שוין א״ב פארגעסן. אט דאס קאלטבלוטיקייט צו גאט, צו דער אמונה, צו דעם חוב וואס עס ליגט אף יעדן מענטשן צו גלויבן אין וואס נים איז פאר א גאט, אבער דאך גלויבן טיף און ערנסט — אט פון וואס באשטייט א היינטיקער אפיקורס. א פארצייטיקער אפיקורס פלעגט עסן טרפות לשם השכלה; און אז אין פעטערבורג איז געווארן א חברה „מפיצי השכלה” פלעגט ער די לעצטע צען רובל אוועקשיקן אהין א נרבה און צונויפקלייבן בא אנדערע וויפיל נאר ס׳איז מעגלעך געווען נדבות פאר דער חברה. און א איצטיקער אפיקורס? איבעראל איז דאס א גראבער יונג, וואס האט אפילו נים געהערט פון דעם ווארט השכלה און אויב דאס איז א מענטש א געבילדעטער מיט א דיפלאם — איז וואס טוט ער? זייענדיק א סטודענט נעמט ער אליין נדבות, לערנט, עסט און טרינקט אף דעם חבר׳ס חשבון און דער־

נאך ווערנדיק אן אדוואקאט, א דאקטאר, א אינזשענער און פארדינענדיק הונדערטער און טויזנטער, דערמאנט ער זיך אפילו ניט אף דעם ברויט און זאלץ, מיט וועלכע עס האט אים געהארעוועט די השכלה און אז מען דערמאנט אים, מאכט ער זיך תם־עוואטע, און אז אין צען יאר ארום דערמאנט מען אים, אז בא דער חברה זיינען נאך גאנץ זיינע ראספיסקעס, ענטפערט ער, אז צען יאר איז א זעמסקע דאוונאסט און די ראספיסקעס זיינען שוין בטול געווארן און גייט לאדט אים צום ונתנה תוקף...

אט דאס, זעט איר, איז שוין אזא מיני אפקורסים וואס אפילו די שדים אין גיהנם וועט נמאס ומאוס זיין צו פאטשקן זיך מיט זיי, און פאר משיח'ן טויגן זיי בודאי אף כפרות...

בלייבט בכן די ערשטע פרימעטא אף משיח'ס צייטן, שתכלה פרוטה מן הכים — עס זאל ניט בלייבן א קא־פיקע אין קעשענע: אוים געלט, אוים אידישע גבירים, אידישע בעלי־נדבות, וועלכע גאט אליין נעבעך דארף צאלן וואכער מיט פראצענט פון פעטע עליות, שטעט באם מזרח־וואנט, אתה־הראת'ס, ערשטע הקפות, ליארעמדיקע מי שברך'ס און הייסע, פריש צאפלדיקע אל מלא רחמים'ס מיט א הספד פון איין עק וועלט ביז דער צווייטער... אוים כבוד, אוים יחום, אוים געלט און אוים בלוט... און הערט, איך בעט אייך, דאס איז שוין טאקע מקוים געווארן אף דער וועלט, און וואו? אין שמוינעוקע . . . .

. . . .

III

שנעל ווי אן אדלער איז געפלויגן רייטנדיק אפן שיינעם וויסן אייזל דער גואל־צדק, וואלד־אוים, וואלד איין האט זיך געצויגן דער לאנגער, לאנגער וועג, און זים ווי די שטימע פון א פידל האט געקלונגען משיח'ס קול מיט

די ווערטער פון דעם ליבן קאפיטל „בשוב ה, את שיבת ציון".

— שיר המעלות —

האט געזונגען משיח:

אז גאט וועט אומקערן דאס געפאנגעניש
פון ציון, וועלן מיר זיין ווי אין חלום;
דעמאלט וועלן אונזערע לעפצן זיין פול מיט פרייד
און אונזער צונג — מיט געזאנג;
דעמאלט וועט מען זאגן צווישן די פעלקער:
גרויסע וואונדער האט גאט געטאן מיט זיי!
גרויסע וואונדער האט גאט געטאן מיט אונז און
מיר וועלן זיך פרייען:
קער אויס, גאט, אונזערע געפאנגענע, אזוי ווי
שטראמען אין דרום-זייט;
די וועלכע האבן געזייגט מיט טרערן, וועלן
שניידן מיט פרייד;
דער, וואס האט וויינענדיק געטראגן די קערנער, וועט
זיך אומקערן מיט געזאנג טראגנדיק די גארבן.

———

הויך און פריי, זיס און ליב האט זיך געגאסן משיחס קול איבער די בערג און טאלן, וועלדער און פעלדער, טייכן און אפגרונטן... מיט פורכט און מיט פרייד האבן זיך געצויגן צו אים

דער הימל, די שטערן,
דער בארג און דער טאל,
צו פילן, צו הערן
זיין געטלעכן קול...

וואלד אויס, וואלד איין האט זיך געצויגן דער גרויסער לאנגער וועג, און וואס ווייטער איז אלץ ליכטיקער און ליכטיקער געווארן משיח'ס פנים ביז ער איז געקומען אין שמוינעוקע...

און בשעת ער איז אריינגעפארן אין שמוינעווקע, האט זיך שוין דאָרט די אסיפה געענדיקט און טאקע אזוי ווי עס דארף צו זיין: אידן האבן געריסן איינער באם אנדערן באָרד און פאות, פייערדיקע קלעפּ, געבראָטענע פעטש, קללות און חרמות האבן זיך געשאטן ווי באָב...

איינער האט געשריען: „אף דער תלמוד־תורה!"

דער אנדערער: — „אף דער שול!"...

דער דריטער: — „אפן בית־עלמן!"...

דער פירטער, דער פינפטער האבן אונטערגעהאלפן דעם ערשטן און דעם צווייטן... און העכער פון אלע קולות זיינען געגאנגען א געשריי פון ווייבער און א ביטע־רער געוויין פון קליינע קינדער... די גאס איז געגאנגען כאראָדאָם און די ערד האט געציטערט...

. . . .

. . . .

„— ניין — האט געזאגט משיח — איך בין גע־קומען צו פרי"...

ער האט אומגעקערט דאס אייזל און איז אוועק צוריק...

א קלאָרע תשובה *)

אַ בריוועלע צום רעדאקטאָר.

גערטער הער רעדאקטאר!

דעם דאזיקן בריוול האט מיר צוגעשיקט א באַ־קאנטער יונגערמאן מק״ק שמוינעווקע, א בחורל א לייטיש קינד, מיט א בקשה דורכלייענען עס און זאגן מיין מיינונג. „אַז עס איז גוט — שרייבט ער — ווייס איך אפילו אליין, און אף גוטעס דארף מען קיין מבין נים, נאר וואס אַרט מיך — זאגט ער — אז עס וועט זיין אף דעם אויך אייער הסכמה?״

אוראי טאקע, וואס זאל עס אים ארן?..

אט דאס איז דאס בריוול:

ליבער הער רעדאקטאָר!

די וועלט זאגט א ווערטל... „וואס עס וועט זיין מיט כל ישראל לאז זיין מיט רב ישראל״. איך ברייננ עס אַקעגן דעם, וואס אז קיין עין־הרע 40.000 אירן (איך רעכן דאס די אבאנענטן פון „יוד״ — און אף מער לאז אייך גאט העלפן!) וועלן זיך אוועקזעצן שרייבן אן ענטפער

*) אין יאר 1900 האט דער «יוד» געהאט פאַנאַנדערגעשיקט זיינע אַבאָנענטן פאלגנדע פראגן: 1) ווי אלט זייט איר? 2) וואָס איז אייער באַ־שעפטיקונג? 3) וואו האָט איר זיך געלערנט? 4) וויפיל מענטשן לייענען אייער עקזעמפליאַר «יוד» אויסער אייך? 5) לייענט איר אויך אַנדערע זשאַר־גאָנישע ווערק? 6) לייענט איר העברייאישע צייטונגען אָדער ביכער? 7) לייענט איר אויך צייטונגען און ביכער אין אַנדערע שפּראַכן און אין וועלכע? 8) וועלכע אָפּטיילונג פון «יוד» געפעלט אייך?

אף די „פראגן", וואס איר האט צוגעשיקט מיטן נומער 26, טא מיט וואס בין איך דאס עיגער פון אנדערע? ובפרט אז שרייבן קען איך, צייט האב איך און שרייבן ווילט זיך. אלא וואס? דער לשון, די מליצה איז בא מיר אפשר ניט אזוי קונציק, טא זייט איר דאך א רעדאקטאָר, נעמט (קרעפּלעך זאלט איר עסן!) א פען אין האנט, מעקט אויס, שרייבט צו, מאכט איבער ווי אייך געפעלט, עס מעג אפילו א ווארט נישט בלייבן פון דעם, וואס איך האב אנגעשריבן, אבי נאר די חתימה מיינע. די חתימה, פאר־שטייט איר מיך, זאל בלייבן אינגאנצן, ווארום איר ווייסט דאך, אז פאר אונז, פארן רוב זשארגאָנישע מחברים, איז דער עיקר הדבר נאר די חתימה, דער נאמען זאל זיין געדרוקט, און טייערער פון אלץ איז דאָס בא אונז, שמוי־נעווקער פּאָעטן, מחמת וואס איינגנטלעך דארף מען צו פּאָעזיע? גראמען: טויט — ברויט, קנעפּל — קעפּל, אימה — בהמה, פליגן — ציגן... עס שיט זיך ווי באָב, און עס וואלט זיך גאר ניט אופהערן צו שיטן, ווען עס וואלט ניט שטיין אונטן די חתימה: אונטערגעשריבן זיך און א סוף — דער זאק מיטן באָב מאכט זיך צונויף ביזן צווייטן מאל, און אזוי גייט עס ווי א מזמור בא היינטיקע פּאָעטן...

נאר ניט דאס בין איך אויסן. איך האב דאך אנגע־הויבן וועגן די פראגן אייערע און אף אייניקע פון זיי וועל איך ענטפערן נאך מיין פארשטאנד נאך, טייל אין גראַמען, טייל אף פּראָסט־אידיש, קיין גרויסע נייעס וועל איך דאָ ניט אופטאָן, דאס וואס איך האב צו זאגן זיינען גאנץ אלטע זאכן, נאר כדי מען זאל זיי ניט פארגעסן, איז כדאי ציטנווייז איבערצוחזר'ן און דערמאָנען זיי יענע אונזערע אידעלעך, זאלן לעבן, וועלכע האבן אף איזוינע זאכן א קורצן זכרון...

* *
*

די ערשטע פראגע אייערע איז:

— „ווי אלט זייט איר?"

וואס זאל איך איך אף דעם ענטפערן?

* * *

ווי אלט איך בין — דאס וויסן קלאר
קען, דוכט זיך מיר, ניט קיינער:
מען זאגט — כמעט דריי טוויונט יאר
נאר דאס מוז זיין א טעות גאר,
און טאקע ניט א קליינער...

יא, אמת, אפט בין איך אי בלינד,
אי טויב — אן עכטער זקן
וואס אים קען גובר זיין א קינד,
און פאר א רעגן, פאר א ווינט
באהאלט ער זיך דערשראָקן.

איך פיל אין זיך קיין טראפן בלוט
און קיין געזונטן אבר;
פארלארן גלויבן, קראפט און מוט —
פארשטייי נאר איינס, ווי זיס און גוט
עס איז דער שלאף אין קבר...

נאר צייטנווייז דערפיל איך גאָר
אין זיך א ויילע, א נייע...
אוים קראנקע ברוסט! אוים גראָע האר
די ערד ווערט גרין, דער הימל קלאר,
דאס לעבן א מחיה...

איך בין א קינד און בין א העלד:
איך פיל אין יענע צייטן —
ניטא קיין איינציקס אף דער וועלט
פאר מיר פאַרבאָרגן און פארשטעלט
איך זאל מיט דעם ניט שטרייטן,

און אלע צרות גובר זיין
זאל גאָט מיר ניט באַשערן...
אַזוי אַז לעב איך שיין און פיין —
פון קאָפּ ביז פיס אין לייד און פּיין,
אין גאַנצע טייכן טרערן.

נאָר רואיק זיין מיט הארץ און זין
און פילן אַז אַ מענטש איך בין
ווי אַלע באַטש אַ ווײַלע;
דאָס קען איך ניט, מײַן ליבער פרײַנט!..

טאַ וויפיל זאָל איך אַלט זיין הײַנט?
פּרואווט, ענטפערט אויף דער שאלה...

ווײַטער מײַן ליבער העָר פרעגט איר:

„— וואָס האָט איר געלערנט?"

וואָס האָב איך זיך געלערנט? — אַך,
צוויי טויזנט יאָר בסדר
טראָג איך אויף זיך דעם גרויסן יאָך
פון לערנען, חזר'ן... און נאָך
ביז איצט גיי איך אין חדר...

מלמדים האָב איך אַלערליי...
דערמאָנענדיק=זיך נאָר אויף זיי
פאַרכאַפּט מיר אויס דער אָטעם...
צוויי טויזנט יאָר אַז אָן אַ שיעור
צוויי סדרות לערנען זיי מיט מיר —
אוי! „בלק" און „משפטים"!..

וואָס אָפּגעקאָסט האָט רבי=געלט
און ווי מען האָט געשמיסן
באַרעכנען—נעמט מיר דורך אַ קעלט...
ניטאָ דער קאַנטשיק אויף דער וועלט

וואס כ׳זאל זיין מעם ניט וויסן!...
גענוג געכאַפּט אי קלעפּ, אי שמיץ,
גענוג געפּילט אי קעלט, אי היץ
און צרות אָנגעקליבן...
גענוג געקנעלט מיט מיר, — און דאך
א חדר־אינגל בין איך נאָך:
בין איצט, ביז איצט געבליבן!...

ניט געקלערט און ניט געטראַכט —
וואלט איך הערן טאג און נאַכט
בבא־מעשות, לידלעך
פון דער ווייסער ציגעלע
הינטער אונזער וויגעלע,
פון די רויטע אידלעך...

זיסע מעשות אָן א צאל
פון משיח׳ס צייטן,
ווען מיר וועלן אויך אמאל
ווערן גלייך צו לייטן, —

וועלן טרינקען זיסן וויין;
רענדלעך וועלן אונז אריין
טויזנט גלייך אין בייטל...
און אזוי־אָט גייט עס — אָך! —
ביז איך כאפּ א גוטן שמאָך
פון דעם רבי׳ס טייטל...

נאר גאר נישט — עס גייט אָפּ מיט ווייטאק, און איך גיי ווייטער אין חדר... א סימן, אז איך האב זיך נאך ניט גענוג אויסגעלערנט, און גאט מסתמא ווייסט וואס ער טוט...

* * *

נאך אף א פראגע איערע וואלט איך געוואלט ענטפערן.

איר פרעגט:
„וואס איז אייער באשעפטיקונג?"

מיט וואס באשעפטיק איך זיך? — עט,
א שאלה כ'לעבן!.. קלוג גערעדט.
פרעגט בעסער: מיט וואס נישט?
בא מיר אין קרעמל קאכט און זידט, —
א האנדל — א יריד!

בא מיר באקומט איר מעל און באָב,
א לולב מיט א טשאָלנט־טאָפּ,
א פאן אף שמחת־תורה, —
און אלץ די בעסטע סחורה...

דער קאָפּ פארדרייט...
איך בלייב אָן הענט...
דער האנדל גייט,
דער האנדל ברענט —
מיט פעך,
מיט בלעך,
מיט האָלץ,
מיט פויגל־מילך, מיט יקנה"ז,
מיט צוועקעס, מיט קמעות,
וואס העלפן באלד צו וואס איר ווילט,
סיי אפגעבריט און סיי פארקילט, —
איך שווער בא באָרד און פאות!..

וואס ווילט איר נאך? אויך האנדל איך
מיט בשמים, מיט חליצה־שיך,
מחזורים און סדורים
און גרייגערעס אף פורים,
מיט זאלץ,
מיט שמאַלץ,

מיט ווינט, מיט רויך
און מיט אתרוגים אויך,

מיט ווייז,
מיט ליין,
מיט וואקס,
מיט פלאקס,
מיט אלע מינים תבואות,
מיט פרישע גרינס אף שבועות.

בא מיר באקומט איר עסיק, טיי,
טלתים־קטנים אלערליי
און זייף, און יארמלקעס, און היי,
און אויב איר ווילט — הבדלות
לאנגע ווי דער גלות...
א כלל — איך מאָפּ
און זוך און כאַפּ,
און דרעש און מאַל,
און פרואוו און קלייב;
און שטארב דריי מאל
מיט קינד און ווייב
אין קריינק, אין פּלאָג,
אין נויט, אין קלאג
פאר הונגער יעדן טאג...

— — — — — — — —

* * *

נאָר דאס איז דאך — ווערט איר זאגן — נאר מליצה פּאעזיע, און איר, הער רעדאקטאר, דארפט נאך סטאַטיס־טיק; איר זייט טאקע גערעכט, און איך וועל געבן סטאַ־טיסטיק אויך.

די פירטע פראגע אייערע איז: „וויפיל מענטשן לייענען אייער עקזעמפליאר „יוד" אויסער אייך?"

אויסער מיך און אונזער גאנץ הויז-געזינד-ל זאל לעבן לייענען מיין „יוד" דריי הינע, ד. ה. שמוינעווקער אידן: אונזער פאדריאטשיק, אונזער אפטייקער און אונזער ראבינער.

דער פאדריאטשיק שרייבט אויס די „גובערנסקיא ווערמאסטי", ווייל זיי זיינען אים נויטיק צו טארגעס און פאדריאדן; חוץ דעם שרייבט ער אויס אונזער שמוינעווקער רוסישע גאזעט אויך, מחמת ער איז באקאנט מיט דעם רעדאקטאר און שפילט מיט אים אין קלוב אין קארטן, איז אים — זאגט ער -- שווער אויסצושרייבן נאך א דריטע צייטונג, עס וועט דאך אפקאסטן א יאר מי יודע וויפיל!— נאר לייענען איז ער א בעלן, שיקט ער צו מיר יעדע וואך אנטליען דעם נומער.

דער אפטייקער וואלט אפילו אליין אויסגעשריבן דעם „יוד", נאר די מניעה איז, וואס רא נים לאנג האט ער גענומען צו זיינע צוויי פאניצלעך א גאווערנאנטקע, א קריסטלעכע, און כאטש — זאגט ער — זי מוז וויסן אז ער איז א איד, דאך פאסט נים — זאגט ער — אז אין אזא הויז זאל אנקומען א אידישע גאזעט, שיקט ער צו מיר זיינעם אן „אפטעקארסקי אוטשעניק", א אידיש איננגל, און נעמט בא מיר איין עקזעמפליאר.

דער ראבינער אונזערער וועט — ווי ער זאגט — אין א יאר צוויי-דריי ארום איה"ש אליין אויסשרייבן אייער צייטונג און דערווייל נעמט ער דעם „יוד" בא מיר, מחמת — איך וועל אייך זאגן בסוד — ער לערנט זיך נאך ערשט לייענען... ער איז, פארשטייט איר מיך, פון די נייע, פון די היינטיקע ראבינערלעך..

אויסער די דריי באַנוצט דעם „וור" נאָך איינער אונזערער א שמוינעווקער, רב כתריאל־בער פאַבריקאַנט (ער פאַבריצירט טרוקענע הייוון). אליין לייענען, זאגט ער, האט ער קיין צייט נישט, נאָר הערן נייעס פון א גאַזעט האט ער ליב און איבערהויפּט אינטערעסירט ער זיך מיט פּאָלי־טיקע, למשל, וואָס טראַכט וועגן א מלחמה דער פראַנצויז? וואָס וועט טאָן דער גרעק, און וואָס הערט זיך מיט טערק? מען זאגט — ער הויבט זיך? און נאָך אזעלכע שפּיציקע ענינים פון פּאָליטיקע...

• • •

אלזא, ליבער הער רעדאַקטאָר, אַט האט איר א קלאָרע תשובה אף פיר פון אייערע „פראַגן". די איבריקע פיר זיינען אפשר אויך טאַקע גאַנץ וויכטיקע, נאָר ווייסט איר וואָס איך וועל אייך זאגן? א טאַטע, אז מען פרעגט אים פיר קשיות, ענטפערט ער זיי אָפּ מיט איין תירוץ, איך האָב אף אייערע אכט פראַגן געגעבן פיר ענטפערס: על פי הגדה האָב איך שוין בודאי יוצא געווען, און אויסער דעם ווייסט איר דאָך אליין, אז קוק זיך נאָר אביסל אַרום אין אונזער אידיש וועלטל, הויבן־אָן צו קריכן אין קאָפּ אריין טויזנטער שאלות און קשיות, ווי למשל: גוואַלד, וואָס איז דאָס? וואָס זיינען דאָס פאַר משונה־ווילדע זאַכן? וואָס פאַר מיני רייד, גיינג, אָנשטעלן, חניפה'לעך, הינטער־פּיסלעך, אויבער־הסברות, קינדער שפּיל, רייסעניש און בייסעניש, וויסטע בטחונות, פינסטערע גליקן, ביטערע נחמות?.. און נאָך טויזנט און מיליאָנען שאלות, אף וועלכע עס איז דא נאָר איין תירוץ: „עבדים היינו"...

און דער תירוץ, ווי איר זעט, פּאַסט טאַקע זייער גוט נים נאָר צו דער הגדה אליין, נאָר אויך אף אלע

נעכט פון א גאנץ יאר, אף אלע פינסטערע נעכט פון אונזער אומעטיקן לעבן.

פון מיר אייער אבאָנענט

שמואל חינקע־פריידעס באבראווער.

שמוינעווקע.

אינהאלטס־פארצייכניש.

זייט

אנשטאט א הקדמה 5

ביאגראפיע פון ש. ש. פרוג 7

לעגענדעס

דעם שמש׳ס טאכטער (א פאלקס־לעגענדע) 9

דער גאלדענער שליכל (תלמודישע־לעגענדע) 18

דער כוס 20

הומאריסטישע לידער

משיח׳ס צייטן:

ער גייט 22

די פאפירענע בריק 28

הייס און קאלט (א לידל). 51

צוויי בילדער 54

גאט אין אדעס (סקיצע) 58

די ריפ (א גמרא) 61

צוויי אסיפות 62

גבורים (א פשט׳ל) 66

די לאקשנברעט (א סכות־מעשה׳לע) . . 67

דער פריילעכער קבצן (א מאנאלאג) . . 71

פרייהייטס און יום־טוב לידער

די תפלה 75

ס׳איז צייט 76

נײ־יאר 77

א ביסעלע וויינקער צרות 78

דער חשבון 81

ארבע כוסות 83

שמחת תורה 85

גלות־און ציון־לידער

צו מיינע לעזער 87

זייט

זאמד און שטערן 87
שווער צו זינגען 88
א חדר־מעשה 89
צוויי טראיקעס 92
דער פרילינג 95
דער מאמעס קלאג 96
ציון 97
שולמית 98
אייניקלעך 100
חנכת הבית 101
שטיי אוף 103

ראמאנטישע און לירישע לידער

די חילדע טויב 104
צוויי אוינן 104
די נאטור 105
ליד דער ארבעט 107
א מעשה'לע פון א געוועזענעם ערד־ארבעטער 109
צוויי טאסטן 111

קריטישע לידער

פאנטאזיע 113
די קארטנווארפערקע 115
נאכט בילדער 118
א בריוועלע 120
דער טויטער חתן 125

פראזא

לכבוד התורה 129
„דאס ביסעלע בוימאייל" 140
די לעצטע קאפיקע 150
א קלארע תשובה 165